בעזרת השם יתברך

קונטרס

# משאלות לבי

פתיחת שערי הלב והרחבת המושגים
בעניני עבודת ה' בכל תחומי החיים

אשר הושב לשואלים בדרך שאלה ותשובה
ולהמבקשים את דרך האמת במשנתו של

## רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

הושב בטוב טעם ודעת על ידי
הרב רבי שאול סירוטה שליט"א

קונטרס ב'
יו"ל בחודש טבת - תשפ"ו לפ"ק

די תשובות זענען געשפערט געווארן
אויף "מערכת ברסלב" טעלעפאן ליין

518-752-0444

פאר אלע שו"ת:
דרוקט 2<7<9

פאר די משאלות לבי אפטיילונג:
דרוקט 0<7<9

פאר הערות והארות, און צו מנדב זיין די הוצאות, קען מען איבערלאזן א מעסעדזש ביים משאלות לבי אפטיילונג נומער 2

צו באקומען די קונטרסים אויף אימעיל:
MshLibby97@gmail.com

כל הזכיות שמורות להמו"ל
ואין להעתיקן בלי רשות

חיזוק יומי - פרשיות השבוע - מועדי השנה
646-585-3003

## שאלה א'

איך לעב אין א שטארקע שרעק אויף דער מצב פון די מלחמות אין די וועלט, וואס קען איך טון זיך צו בארואיגן און באפרייען דערפון?

## שאלה ב'

עס איז מיר זייער שווער צו אויפשטיין צופרי אין צייט, עס אפעקטירט מיין גאנצע טאג, איך דארף עפעס א עצה צו קענען ארויסשפרינגען פון בעט?

**גילוי דעת**

כל הנאמרים כאן הם באופן שיחת חברים לבד, ואינם הוראה בכלל, רק לקרב ולא לרחק.

גם באופן לפתוח הענין להקל על האדם לשפוך שיחו לבוראו על זה.

# אל תפחד הרבה

**שאלה:** א טייערער שואל פרעגט אזוי, ער ליידט פון בלבולים און מחשבות פון פחדים וואס וועט זיין אינעם עתיד, ער דאגה'ט זייער שטארק, און ס'נעמט אים איגנאנצן איבער.

דער נושא וויאזוי מ'באהאנדלט פחדים איז זייער פארברייטערט אין 'תורת הנפש', און ער אליין לייגט צו, אז ער ווייסט אז דער עיקר וועג צו ארויסגיין דערפון איז דורך בטחון, אמונה און שמחה, אבער וואס טוט מען אז ס'נעמט איבער די גאנצע מחשבה, און ער ליגט אין די פחדים. בפרט יעצט בשעת די מלחמה אין ארץ ישראל ה"יא, שטארקט זיך נאך מער די פחדים און די שווארצע דמיונות.

פרעגט ער צוויי שאלות: **די ערשטע זאך**, וויאזוי קען מען גערעטעוועט ווערן פון דעם און ארויסגיין פון די אלע פחדים? **און די צווייטע זאך**, וויאזוי איז די ריכטיגע וועג צו מתפלל זיין אויף דעם?

און די שאלה [שאלה ב'] איז א באוואוסטע כלליות'דיגע שאלה, וואס עס איז נוגע צו אלע זאכן וואס דער אויבערשטער מאכט ענג פאר א מענטש. מיר גלייבן דאך אז יעדע צרה איז לטובה, מצד שני איז דאך זיכער דא א 'חיוב תפילה בעת צרה', און עס טוט אוודאי וויי פארן אויבערשטן אז מען געפינט זיך אין א צרה, און ער וויל אז מען זאל

[א] די תשובה איז געזאגט געווארן נאך שמחת תורה שנת תשפ"ד, בשעת די מלחמה אין ארץ ישראל.

ארויסגיין פון דעם. ווי שטימטביידע זאכן צוזאמען? און אויף וועלעכער אופן דארף מען מתפלל זיין?

## די הארבקייט פון פחדים

**תשובה:** ביי א יעדע זאך וואס א מענטש ווייסט אז די זאך איז א הארבע זאך, נעמט ער זיך צוזאם מיט אלע כוחות 'ללחום מלחמות ה'', זיך צו שלאגן אויף דעם, און ער זוכט ריכטיג די עצות וויאזוי זיך צו באגיין, און ווייל ער האט שטארקע רצונות אויף דעם באקומט ער סייעתא מן שמיא. און דאס איז איינע פון די יסודות וואס מען דארף אלעמאל וויסן ווען א מענטש קומט בא'האנדל'ען א זאך, אז ער דארף שטארק טראכטן ווי וויכטיג איז פאר מיר צו ווערן גערעטעוועט פון דעם. איז דאס א זאך וואס איך ליידט און ס'שטערט מיר **נאר** אביסל, ס'מאכט מיר אביסל אומבאקוועם, אדער דאס איז א זאך וואס איז פאר מיר **פיקוח נפש** און איך 'מוז' פארלייגן אלע כוחות זיך צו ראטעווען פון דעם.

און יעצט וויאזוי האט מען אויף דעם די ריכטיגע רצונות, און מען שטעלט זיך אוועק ריכטיג, דער אמת איז אז אויף דעם אליין איז א אריכות וואס מ'קען נישט פארברענגען יעצט, ווייל דאס איז איינע פון די שטארקע יסודות, ווי דער רבי רופט דאס אן: 'האוצר של יראת שמים'. און חז"ל זאגן אויף דעם, א מענטש קען קענען כל התורה כולה, אבער אויב האט ער נישט קיין אוצר של יראת שמים האט ער נישט קיין כלי קיבול צו הערן אפילו די עצות.

ווייל עס איז קלאר, אז עס איז נישטא קיין זאך אין יראת שמים וואס ס'קומט אן גרינג, יעדע זאך דארף מען עמל ויגיעה, "אדם לעמל יולד", און אויף וואס מיר ווילן רעדן יעצט דארף מען זיך אויך אביסל אנשטרענגען, עס איז נישט קיין זאך וואס א מענטש קען זיך נאכלאזן און ס'וועט קומען פון זיך אליינס. און טאקע דערפאר דארף ער וויסן די הארבקייט פון דעם. נישט חלילה אים אראפ צו ווארפן, נאר צו וויסן אז איך גיי זיך צוזאמנעמען בכל כוחי און טון אלע עצות וואס מיר קענען נאר, זיך צו ראטעווען פון דעם.

פחדים איז א זאך וואס שטערט פאר א מענטש אויך גשמיות'דיג, גייסטיש, ס'ווארפט אים אראפ, ער איז נישט אויפ'ן פלאץ, ער איז דערשראקן, און יעדער איינער האט ליב צו פטור ווערן פון דעם. אבער מיר דארפן וויסן אז דא ליגט גאר

גאר א טיפע זאך, אויך אין 'שורשי היהדות', און עס איז זייער כדאי עס צו האלטן פאר די אויגן - כדי צו קענען פטור ווערן. און פארשטייט זיך [אזוי ווי אין יעדן זאך], אז מען דארף צוגיין צו דעם אן נערוועזקייט, אבער מען דארף וויסן אז עס איז דא באהאלטן א גרויסער שונא, און כאפן אויף וואס ער צילט מיט די פחדים.

## א יראה וואס ברענגט עצבות און כפירה.

דער בעל דבר איז זיך מתלבש אין יעדן זאך אין די וועלט, און אין אלעס איז דא נסיונות, אבער בעיקר ובעיקר, האט דער הייליגער רבי דערמאנט כמה וכמה פעמים אין ליקוטי מוהר"ן, אז דער יצר הרע איז משתלשל פון גבורות, און ער וויל נעמען כח פון מידת הדין, און עס איבערדרייען אויף אכזריות. [די זאך רעדט שוין דער רבי פון יצחק כלפי אברהם, דעם תוקף וואס אברהם האט געדארפט אויף יצחק, און די זאך איז זיך משתלשל אין אלע דורות, און מען וועט דאס ארומרעדן ממש בקיצור נמרץ].

דער הייליגער **רבי נתן** ברענגט אין **הלכות בכור בהמה טהורה**, הלכה ד'[ב]; ער רעדט דארטן ארום א לאנגע הלכה וועגן 'יראה', און ער רעדט דארטן בתוך הדברים אז פון 'יראה' קען א מענטש צוקומען צו 'עצבות', און פון 'עצבות' קען ער צוקומען צו 'כפירות' חס ושלום. א מענטש וואס גייט נישט מיט א צדיק וואס ער איז ממתיק

[ב] ושם באות י"ח: וְזֶה בְּחִינַת מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, כִּי עֲמָלֵק עִקַּר הִתְגַּבְּרוּתוֹ בְּעֵת שֶׁיִּשְׂרָאֵל נוֹפְלִים מֵהַיִּרְאָה חַס וְשָׁלוֹם בְּחִינַת וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים וְאָז רוֹצֶה לְהַפְחִיד אֶת יִשְׂרָאֵל בְּיִרְאָה רָעָה חַס וְשָׁלוֹם וּמִלְחַמְתּוֹ הוּא לְמַעְלָה וּלְמַטָּה כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, דְּהַיְנוּ שֶׁבָּא בְּמִלְחָמָה עַל יִשְׂרָאֵל בְּגַשְׁמִיּוּת וְגַם מַכְנִיס כְּפִירוֹת בַּלֵּב כְּדֵי שֶׁלֹּא יוּכְלוּ לְהַעֲלוֹת הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת לְשָׁרְשָׁן, כִּי יִרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת הֵם בְּחִינַת דִּינִים שֶׁמֵּהֶם מִשְׁתַּלְשֵׁל אֲחִיזַת הַקְּלִפּוֹת וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַבְחִין הָאֱמֶת שֶׁכָּל הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת הַכֹּל מֵה' יִתְבָּרַךְ וּמַעֲלֶה הַכֹּל לְשָׁרְשׁוֹ לְהִתְיָרֵא רַק מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁמִּמֶּנּוּ הַכֹּל. אֲזַי, אַדְּרַבָּא, מַגִּיעַ לוֹ טוֹבָה גְּדוֹלָה עַל-יְדֵי אֵלּוּ הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת, כִּי עַל-יְדֵי-זֶה חוֹזֵר לַה' יִתְבָּרַךְ, אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁאֵלּוּ הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת הֵם בְּחִינַת דִּינִים שֶׁמֵּהֶם אֲחִיזַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא לִפְעָמִים מִתְגַּבֶּרֶת הַסִּטְרָא אָחֳרָא עַד שֶׁמְּעַקֶּמֶת לֵב הָאָדָם וְנוֹפֵל רַק לְעַצְבוּת עַל-יְדֵי הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת וְאֵינוֹ חוֹזֵר לַה' יִתְבָּרַךְ וְלִפְעָמִים מִתְגַּבֵּר עָלָיו כָּל כָּךְ עַד שֶׁבָּא לִידֵי כְּפִירוֹת חַס וְשָׁלוֹם וְזֶה עִקַּר מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק שֶׁמַּפְחִיד אֶת הָאָדָם בְּחִילוֹתָיו בְּתֹקֶף מֶמְשַׁלְתּוֹ שֶׁל מַלְכוּתוֹ הָרְשָׁעָה אֲבָל עַל-יְדֵי-זֶה הָיָה יָכֹל לְהַגִּיעַ טוֹבָה, כִּי עַל-יְדֵי-זֶה יָשׁוּבוּ אֶל ה' בְּחִינַת בַּצַּר לִי אֶקְרָא ה', אֲבָל הוּא מִתְגַּבֵּר לְהַכְנִיס כְּפִירוֹת בַּלֵּב לִתְלוֹת הַכֹּל בַּטֶּבַע חַס וְשָׁלוֹם כְּדֵי שֶׁלֹּא יָשׁוּבוּ לַה' חַס וְשָׁלוֹם וְעַל-יְדֵי-זֶה מִתְגַּבֵּר יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכֵן חוֹזֶרֶת חָלִילָה חַס וְשָׁלוֹם. וְזֶה בְּחִינַת וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וְכוּ' וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים, שֶׁעִקַּר הִתְגַּבְּרוּתוֹ עַל אוֹתָן שֶׁאֵינָם יְרֵאִים אֱלֹקִים, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵינָם מַעֲלִים הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ וְזֶה גַּם כֵּן מִמֶּנּוּ בְּעַצְמוֹ מֵחֲמַת הַכְּפִירוֹת שֶׁהִכְנִיס בְּלִבָּם וְכוּ': עיי"ש.

די יראה און שטעלט אים עס אוועק ריכטיג, קען ער אנקומען פון 'יראה' ביז 'כפירה' רח"ל.

און ער זאגט דארטן אין **אות י"ח** דברים נוראים, אז די גאנצע מלחמה פון עמלק שטארקט זיך ווען אידן האבן נישט די ריכטיגע יראה! **"ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים"**, דעמאלטס נעמט ער איבער די יראה, און ער מאכט פון דעם א 'יראה רעה'. און ער זאגט דארט בתוך דבריו אזוי: **'ומלחמתו הוא למעלה ולמטה'** - אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש - **'דהיינו שבא במלחמה על ישראל בגשמיות'**, ער איז זיך מתלבש אין אראבער'ס, אין טעראריסטן, ער קומט אין א מלחמה בגשמיות - **'ותוך כדי זה מכניס כפירות בלב שלא יוכלו להעלות היראות הנפולות לשורשן, כי יראות הנפולות הן בחינת דינים שמהם משתלשל אחיזת הקליפות והסטרא אחרא'**. [מיר וועלן באלד צוריקקומען צו די שטיקל, ער רעדט דא אויך א יסוד נורא וואס צו טון עי' עמוד 15].

און ער זאגט אז ווער עס איז זיך נישט משתדל זיך צו פירן מיט די יראה ריכטיג, דאס מיינט צו מעלה זיין די יראה לשורשה, שטארקט זיך דורך דעם די סטרא אחרא **'עד שמעקמת לב האדם ונופל רק לעצבות על ידי היראות הנפולות, ואינו חוזר להשם יתברך, ולפעמים מתגבר עליו כל כך עד שבא לידי כפירות חס ושלום'**. ער זאגט אז א גשמיות'דיגע מלחמה, קען אזוי פארקרימען א מענטש פונעם אויבערשטן חלילה, און עס קען אים ברענגען ביז כפירה. **'וזה עיקר מלחמת עמלק שמפחיד את האדם בחילותיו בתוקף ממשלתו של מלכותו הרשעה'**. און מיר וואלטן געקענט האבן פון דעם [פון די מלחמה בגשמיות] א גרויסע טובה, צו צוקומען צו די ריכטיגע יראה, צו מתפלל זיין צום אויבערשטן, אבער אנשטאט דעם איז ער זיך מתגבר **'להכניס כפירות בלב לתלות הכל בטבע חס ושלום, כדי שלא ישובו לה' חס ושלום, ועל ידי זה מתגבר יותר ויותר'**, ביז **"ויזנב בך וגו' ולא ירא אלקים"**, און ער ברענגט אראפ מיט דעם א צרות צרורות בגשמיות וברוחניות, און מען קען מיט דעם צוקומען ביז כפירה רח"ל.

האבן מיר געלערנט דא א **יסוד עצום ונורא**, אז א מענטש וואס האט מורא פון א מלחמה אויב פרובירט ער נישט צו ניצן די יראה - שרעק ריכטיג, [און מען וועט באלד זעהן וואס איז די ריכטיגע יראה], קען עס אים אראפווארפן רחמנא ליצלן אין שאול תחתית ומתחתיו, באופן הכי גרוע, וואס איז עמלק אליין ממש! און עמלק איז דער שורש פון אלע טומאות, און פון אלע צרות בגשמיות וברוחניות. און פון אלע

עבירות, "רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק" אלע שלעכטס פון דער וועלט איז כלול אין איהם. רבי נתן זאגט אז דאס איז די מלחמה, אז עס קומט א מלחמה גשמיות, ברענגט עס אריין דעם מענטש אין טבע און אין פחדים, און דאס איז גורם פאר א מענטש אז ער קומט צו צו די זאך, צו אזא סארט נפילה.

## ווען א איד גלייבט אז דער באשעפער איז מיט אים, זינדיגט ער נישט

דארף מען קודם כל פארשטיין, אז דער פראבלעם פון פחדים איז **'נישט'** אז דער מענטש איז נישט פרייליך, און איז נישט גייסטיש צוזאמגענומען, און קען נישט אנגיין מיט זיין נארמאלע סדר היום דורך די פחדים, וואס דאס פאר זיך אליין איז א צרה צרורה, **נאר** עס איז אסאך ערגער פון דעם, ווייל מען רעדט דא פון א זאך וואס לייגט אין א סכנה די גאנצע מציאות פון זיין אמונה.

און מ'וועל מיר זאגן א זאך וואס עס איז דא אסאך פלאץ עס צו פארברייטערן, אבער מ'וועל מיר דאס זאגן אין אייןווארט, אז אין די תורה הקדושה שטייט אז דער ערשטער מציאות פון עמלק אויף דער וועלט איז געווען בשעת ווען עס איז געווען - א גשמיות'דיגע צרה - אז די אידן האבן נישט געהאט קיין וואסער, האט ער געפרעגט בדרך ספק, אפילו נישט בדרך וודאי, **"היש ה' בקרבנו אם אין"**?! און די זאך האט צוגעברענגט עס זאל געשען **"ויבא עמלק"**! רבי נתן ברענגט מפורש[ג]: אז די שאלה האט אויך עמלק אריינגעלייגט אין די אידן, כדי זיי צו ברענגען צום סוף צו די גשמיות'דיגע מלחמה מיט עמלק.

דער ספק **"היש ה' בקרבנו"** איז דער שורש וואס באגלייט פון דעמאלטס און **"ויבא עמלק" עד היום הזה**, מ'איז נישט פטור געווארן פון אים. דאס מיינט אז אלע נפילות ברוחניות וואס איז דא, (וואס קומט פון עמלק), ליגט אין דעם ספק - **"היש ה' בקרבנו"**. וואס איז דער פשט? **ווייל דאס איז קלאר אז ווען א מענטש האט יראת שמים, דהיינו: אז ער גלייבט אז השי"ת איז משגיח אויף אונז בכל רגע ורגע, און אז ער איז משגיח 'לטובה ברחמים גדולים', און עס איז נישט דא ביי אים אזא זאך 'מפקיר**

[ג] שם באות י"ח, עיין במה שהעתקנו לעיל.

**זיין א איד', און אז א איד וואלט געוויסט אז 'ה' איתו עמו ואצלו בכל רגע', וואלט נישט געוועןשייך ער זאל טון אן עבירה!**

רבי נתן ברענגט כמה וכמה פעמים דעם יסוד, אז אלע עבירות וואס א מענטש טוט ר"ל, איז נאר ווייל ער גלייבט נישט אז דער אויבערשטער איז משגיח אויף אים.

עס הערט זיך ווי אן איידעלע שאלה "**היש ה' בקרבנו**", ער זעהט אזא צרה - פיקוח נפש - ער האט נישט קיין וואסער! אדער אנדערע צרות פון פיקוח נפש ה"י, איז דא דעמאלטס א ספק וואס קומט אריין ביי א מענטש, צו עס איז דא א מציאות אז דער אייבערשטער האט אים מפקיר געווען.

און טאמער לאזט ער אריבער די שאלה און ענטפערט נישט מיט א קלארקייט פון אמונה אז 'ה' אתי ואצלי', האט ער איבערגעלאזט א פתח פון א גיפט פונעם בעל דבר, ער זאל אים קענען אריינברענגען א קאלטקייט, וואס דאס איז דער "**אשר קרך**" פון עמלק, וואס ברענגט צו "**ולא ירא אלקים**", אז ער זאל קענען זיין א קל אין אלע עבירות! ער כאפט נישט אז ס'האט א קשר.

פארוואס ערלויבט זיך א מענטש צו קענען זינדיגן אין א ראיה אסורה? אין א מחשבה אסורה, אין א ביטול תורה, אין צו טשעפען א חבר, אין יעדע עבירה? ווייל אין זיין הארץ איז דא א קאלטקייט פון "**היש ה' בקרבנו אם אין**", ס'האט זיך צובראכן די קלארקייט פון אמונה.

רבי נתן טייטשט[ד]: "**וידעת היום והשבת אל לבבך**", אז א מענטש דארף האבן זייער א קלארע **ידיעה** אין אמונה, 'און דאס איז דער מחיצה פרוסה קעגן אלע תאוות' [ד.ה. א מחיצה אין מוח צו אפהאלטן פון אלע שלעכטע תאוות], ווייל ווען א מענטש האט א קלארקייט "איך טאר נישט, עס איז דא א בורא"! און יעדער ספק אין השגחה, אפילו ביי א גשמיות'דיגע צרה, לאזט עס א טיפע השפעה אפצוקילן זיין גאנצע הארץ, און דאס איז דער געוואלדיגע תחבולה עמוקה פון דעם גיפט פון עמלק וואס ברענגט פחדים כדי צו צוברעכן די זיכערקייט "**אז ס'דא א בורא אויף מיר**", און

[ד] עיין לקמן בהערה יא' שהעתקנו מהלכות קריאת התורה הל' ו'

ס'קילט אפ די גאנצע צוגאנג צו תורה ומצוות, און אפילו צו פשוט'ע יראת שמים אז עס איז דא שכר ועונש אויף יעדן עבירה וואס א מענטש טוט.

און אזוי איז מפורש פונעם הייליגן רבי'ן אין **תורה ד'** אין צווייטן חלק[ה]; אז יו"ט ווערט אנגערופן 'מקרא קודש' ווייל די יום טוב רופט אויס: אז די גאנצע וועלט פירט זיך לויט די אויבערשטער'ס ווילן, און ער וויל אין אונז, און דאס ברענגט אים צו גלייבן אין 'יראת שכר ועונש'. און אנטקעגן דעם איז דא די חכמי הטבע זיי וואס ברענגען אריין אין א מענטש די מחשבות פון טבע, און מיט דעם מאכן זיי קאלט די אמונה אין שכר ועונש.

עס איז נורא מאוד, מ'קען עס זייער שטארק פארברייטערן, ווי אזוי טאקע די אמונה אין אלע חלקים פון השגחה פרטיות, סיי אז ער איז בכלל משגיח, און סיי אז אלעס איז לטובה, זענען דער שורש פון יראת שמים. אבער דאס איז די מציאות, אז עס איז גאר גאר א געפערליכע גיפט, אז די פחדים פון א גשמיות'דיגע מלחמה קענען צוברענגען א מענטש ביז כפירה! דורך די עצבות וואס ליגט אין דעם. עצבות איז דער טייטש, ווי דער רבי ברענגט אין **שיחות הר"ן**[ו]: **"כמי שברוגז על השם יתברך"**, ס'ליגט אין דעם גאר גאר א טיפע גיפט און א באהאלטענער תחסיס נורא וואס עמלק פירט אויס.

[ה] שם באות ה. וְעִקַּר הַיִּרְאָה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן בִּבְחִינַת: "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה" (תְּהִלִּים קמ"ה) שֶׁעַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן נַעֲשֶׂה יִרְאָה הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁנִּתְגַּלֶּה שֶׁהַכֹּל מִתְנַהֵג בִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ בָּרָא הַכֹּל בִּרְצוֹנוֹ בְּלִי שׁוּם חִיּוּב כְּלָל וּמְחַיֶּה וּמְקַיֵּם הַכֹּל בִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְאֵין שׁוּם חִיּוּב הַטִּבְעִי כְּלָל עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִרְאָה כִּי אֲזַי יֵשׁ שָׂכָר וָעֹנֶשׁ, וְשַׁיָּךְ לְהִתְיָרֵא מִפָּנָיו יִתְבָּרַךְ... אֲבָל כְּשֶׁאֵין נִתְגַּלֶּה הָרָצוֹן וְסוֹבְרִים שֶׁיֵּשׁ חִיּוּב הַטֶּבַע, חַס וְשָׁלוֹם וּכְאִלּוּ מִתְנַהֵג הַכֹּל עַל פִּי הַטֶּבַע, חַס וְשָׁלוֹם אֵין שַׁיָּךְ יִרְאָה כְּלָל כִּי אֵין שָׂכָר וָעֹנֶשׁ כְּלָל, חַס וְשָׁלוֹם מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מִתְנַהֵג רַק כְּפִי חִיּוּב הַטֶּבַע, חַס וְשָׁלוֹם נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַיִּרְאָה עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן. אות ו. וְהִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן הוּא עַל יְדֵי יָמִים טוֹבִים כִּי כָּל אֶחָד מֵהַיָּמִים טוֹבִים מַכְרִיז וְקוֹרֵא וּמְגַלֶּה אֶת הָרָצוֹן שֶׁהַכֹּל מִתְנַהֵג רַק עַל פִּי רְצוֹנוֹ בִּלְבַד בִּבְחִינַת (וַיִּקְרָא כ"ג) : "מִקְרָא קֹדֶשׁ" שֶׁהַיּוֹם טוֹב קֹדֶשׁ קוֹרֵא וּמַכְרִיז אֶת הָרָצוֹן כַּנַּ"ל... וְעַל כֵּן כָּל יוֹם טוֹב וְיוֹם טוֹב מַכְרִיז וְקוֹרֵא אֶת הָרָצוֹן בִּבְחִינַת מִקְרָא קֹדֶשׁ כַּנַּ"ל וְעַל כֵּן הַיָּמִים טוֹבִים נִקְרָאִים רֶגֶל, שֶׁהִיא בְּחִינַת יִרְאָה כַּנַּ"ל כִּי עַל יְדֵי יוֹם טוֹב, שֶׁהוּא הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִרְאָה כַּנַּ"ל :

[ו] שיחות הר"ן שיחה מ"ב: עַצְבוּת הוּא כְּמוֹ מִי שֶׁהוּא בְּכַעַס וּבְרֹגֶז, כְּמוֹ שֶׁמִּתְרַעֵם וּמִתְלוֹנֵן עָלָיו יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם עַל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה לוֹ רְצוֹנוֹ. אֲבָל לֵב נִשְׁבָּר הוּא כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו, כְּתִינוֹק שֶׁקּוֹבֵל וּבוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו עַל שֶׁנִּתְרַחֵק מִמֶּנּוּ וְכוּ' :

און עס איז כדאי עס צו וויסן און שרייען שטארק צום אייבערשטן: ***ראטעווע מיר פון פחדים***, און ׳נישט נאר׳*ראטעווע מיר פון די שלעכטע געפילן*, ׳נאר׳*ראטעווע מיר פון דעם שלעכטן ׳בילד׳ - פון די שלעכטע ׳ציור נורא׳ וואס עמלק וויל אוועקשטעלן אז דער אויבערשטער איז מפקיר זיינע קינדער. ער צוברעכט ביי מיר די השגחה! ער צוברעכט ביי מיר די מציאות אז עס איז דא א מלך העולם, ״ה׳ אלוקינו מלך העולם״, ״ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״, דעם ״ואהבת את ה׳ אלוקיך״.* דאס איז דא די מזימה וואס איז תלוי אין די מלחמה.

## אויסווארטן די ישועה מיט געדולט

יעצט, לאמיר אריבערגיין א רגע צו די שאלה וואס ער פרעגט [א] וואס טוט מען אז ס׳נעמט איבער די גאנצע מחשבה? [ב] און נאך א שאלה, וויאזוי קען מען ׳אינגאנצן׳ פטור ווערן פון דעם? לאמיר אנהייבן מיטן צווייטן שאלה.

**דער זאך וואס א מענטש וויל אינגאנצן פטור ווערן:** עס איז גאר א געוואלדיגע זאך אז א מענטש בעט און וויל אינגאנצן פטור ווערן דערפון, אבער עס איז א בחינה פון ״אליה וקוץ בו״, עס איז ״אליה״ [א מעלה] ווייל עס איז א געוואלדיגער רצון, אז א איד וויל דינען דעם אויבערשטן בשלימות. **אבער** אויף דעם האבן מיר שוין גערעדט אסאך מאל, אז די מידה פון קוצר רוח [ד.ה. נישט האבן געדולד צו אויסווארטן אויף די ישועה] איז איינע פון די גרעסטע זאכן וואס מאכט קאליע די אמונה, אזויווי דער רבי ברענגט אין **תורה קנ״ה**[ז]; אז א פעלד וואס מ׳וויל איינזייען אין דעם, דארף עס

[ז] תורה קנ״ה: ...כְּמוֹ לְמָשָׁל, כְּשֶׁמַּנִּיחִין חִטָּה טוֹבָה בְּאֶרֶץ טוֹבָה אֲזַי הוּא גָּדֵל וְצוֹמֵחַ יָפֶה, וְאֵינוֹ מַזִּיק לוֹ שׁוּם רוּחַ וְלֹא זִיקִים וּרְעָמִים וְזֶה מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ כֹּחַ הַצּוֹמֵחַ וְכֹחַ הַגּוֹדֵל עַל כֵּן אֵינוֹ מַזִּיק לוֹ שׁוּם דָּבָר אֲבָל כְּשֶׁנּוֹתְנִין הַחִטָּה בְּאֶרֶץ שֶׁאֵינָהּ טוֹבָה לִזְרִיעָה אֲזַי הוּא נִרְקָב בָּאָרֶץ מֵחֲמַת שֶׁאֵין לוֹ כֹּחַ הַצּוֹמֵחַ וְכֹחַ הַגּוֹדֵל וֶאֱמוּנָה הִיא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אֶסְתֵּר ב) : ״וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה״ לְשׁוֹן גִּדּוּל... וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה שֶׁהִיא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ אֲזַי אֵין מַזִּיק לוֹ שׁוּם דָּבָר וְאֵינוֹ יָרֵא מִשּׁוּם אָדָם וְשׁוּם דָּבָר וּמִתְפַּלֵּל בְּחִיּוּת כָּרָאוּי וְנוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק כִּי אֵינוֹ מִתְיָרֵא וּמִתְפַּחֵד מִשּׁוּם עִנְיָן שֶׁבָּעוֹלָם אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ חִסָּרוֹן בָּאֱמוּנָה אֲזַי אֵין לוֹ כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ וַאֲזַי הוּא נִרְקָב מַמָּשׁ, ...וְזֶה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם הַיְנוּ מַה שֶּׁאֵינוֹ יָרֵא מִשּׁוּם דָּבָר וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ עַל שׁוּם בִּטּוּל וּבִלְבּוּל בַּעֲבוֹדָתוֹ רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ זֶה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר יָכוֹל לְבַלְבֵּל אוֹתוֹ כִּי לֹא אִכְפַּת לֵהּ שׁוּם דָּבָר רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי אֶרֶךְ אַפַּיִם הוּא תָּלוּי בִּבְחִינַת אֱמוּנָה ...הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי אֱמוּנָה לַאֲרִיכַת אַפַּיִם שֶׁיַּאֲרִיךְ אַפּוֹ עַל כָּל דְּבַר בִּלְבּוּל וּמְנִיעָה שֶׁעוֹבֵר עָלָיו בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ שֶׁיִּסְבֹּל הַכֹּל, וְלֹא יִתְעַצֵּב וְלֹא יִתְעַצֵּל עַל יְדֵי זֶה כְּלָל רַק יַעֲצֹר רוּחוֹ וְלֹא יִכְפַּת לֵהּ כְּלָל וְיַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ וְיַעֲבֹר עַל הַכֹּל, וְלֹא יָחוּשׁ עַל כָּל הַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת כְּלָל שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם שֶׁזּוֹכִין עַל יְדֵי אֱמוּנָה שֶׁהוּא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ כִּי עַל יְדֵי זֶה הוּא גָּדֵל וְצוֹמֵחַ

זיין גאר א גוטע פעלד, און די גוטע פעלד איז – 'אריכות אפים' [ד.ה. אויסווארטן און סובל זיין]. 'קוצר רוח' איז פארקערט פון אמונה.

און רבי נתן איז מרחיב אויף דעם אין אסאך פלעצער, און איינער פון זיי איז אין **הל' תפלין** הלכה ה', און אין **הל' תרומות ומעשרות** הלכה ג', אין **הל' פקדון** הל' ה', אז אזוי ווי מיר דארפן פון איין זייט ווילן צוקומען צו פטור ווערן אינגאנצן, צו וועלן די 'טהרה' פון א זאך, אזוי אויך דארף מען בד בבד זיין א בקי בשוב, צו סובל זיין, סובל זיין און סובל זיין.

## דערהער די רוף פונעם אייבערשטן

און פאר מיר רעדן וויאזוי איז די דרכי המלחמה פון פטור ווערן דערפון, לאמיר רעדן א ווארט אויף דעם אריכות אפים.

די מציאות וואס דער אויבערשטער מאכט פאר א מענטש פחדים, כאטש וואס מיר האבן געזאגט אז עס איז גאר א הארבע נסיון, אבער מצד שני ליגט אין דעם גאר גאר א גרויסער "מתנה" וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש, צוליב צוויי סיבות. די ערשטע זאך איז: מ'גיט אים א געלעגנהייט פון אמונה ובטחון, וואס ווי עס איז מבואר אין אלע ספרים איז דאס "כלליות כל התורה כולה".

**אמונה ובטחון - בא חבקוק והעמידן על אחת**, בטחון איז כולל אלעס. עס איז כדאי צו זען אין ספר "**כד הקמח**" פון **רבינו בחיי**, וואס ער רעדט ארום אויף בטחון, ער זאגט דארט דברים נפלאים. אז א מענטש וואס שטארקט זיך בעת צרה מיט בטחון, אפילו אויב ער איז נישט ראוי, ער איז נישט ווערד די ישועה, העלפט אים השי"ת בזכות דעם וואס ער האט געהאט בטחון. "**בוטח בה' ישוגב**": ער באקומט א מתנה פון הימל אז מען ראטעוועט אים פון די צרה אפילו ער איז נישט געווען ווערד אז מען זאל אים ראטעווען, וז"ל: '**בוטח בה' ישוגב מן הצרה בשכר הבטחון, אף על פי שאותה הצרה ראויה לבוא עליו**'.

---

וּמַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדָתוֹ כִּי לֹא יוּכַל לְבַלְבְּלוֹ שׁוּם מוֹנֵעַ לְהַפִּילוֹ בְּעַצְבוּת וְעַצְלוּת חַס וְשָׁלוֹם וּלְמָנְעוֹ עַל יְדֵי זֶה, חַס וְשָׁלוֹם רַק יַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בִּזְרִיזוּת וְשִׂמְחָה וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל כָּל הַבִּלְבּוּלִים כְּלָל שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ כַּנַּ"ל

און ער זאגט דארט גאר שארף, אז פארקערט, ווען א מענטש האט א צרה פון א בשר ודם, און עס באפאלט אים א שרעק, און ער שלאגט זיך נישט אנטקעגן די מחשבות פון פחד, קען דאס אליין שטארקן זיין שונא איבער אים, און מקרב זיין די צרה, רח"ל. **און א מענטש דארף ציטערן צו מורא האבן פון א בשר ודם**, ער דארף זיין "בוטח בה' ישוגב", און דעמאלטס אפילו ווען עס וואלט ווען געדארפט קומען די צרה אויף אים, ווערט ער גערעטעוועט בשכר הבטחון.

ווען ס'קומט א פחד, דארפן מיר זיך אויסלערנען צו דערהערן דעם רוף - דעם רמז. דער רבי זאגט דאך אז אין יעדע זאך וואס פאסירט פאר א מענטש, יעדע מחשבה דיבור ומעשה וואס קומט אן צו אים, איז א רמז פון התקרבות. ווען ס'דערוועקט זיך א פחד, **שרייט דער בעל דבר**: "דער מצב איז קריטיש! דו מוזט זיך אכטונג געבן! עס איז געפערליך! די אראבער! די גאנצע וועלט איז קעגן אונז! זיי האבן זיך צאמגענומען אונז צו שעדיגן! "יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ יָחַד, אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי", רחמנא ליצלן! עס איז א פחד!" - **דאס שרייט דער בעל דבר.**

**אבער דער באשעפער שרייט** - און מיר דארפן זיך צוגעוואוינען צו הערן גוט דעם קול, און פארשטיין וואס איז דער אמת'ן קול - ווען עס פייפט די אלארם [סירינעס], שרייט דער אויבערשטער: **"איך וויל דיר נאנט צו מיר! קום, ניץ אויס די געלעגנהייט איינמאל פאר אלעמאל זיך אויסצושווענקען מיט 'קדושת האמונה' וואס איז כולל כל התורה כולה! קום, שטארק זיך אין בטחון"!**

מיר האבן שוין גערעדט דערפון, אז איינע פון די שטערקסטע מתנות וואס דער רבי האט אונז געלערנט איז; אז א דיבור פון אמונה 'איז' אליינס אמונה, **"זה בעצמו אמונה"**, אזוי שטייט אין תורה מ"ד אין צווייטן חלק[ח]. (אפילו ער האט נאך נישט אמונה - אזוי זעט מען מפורש אין דעם המשך, אז דער רבי זאגט **"ועל ידי זה"** יבוא לאמונה, דאס הייסט אז פארדעם האט ער נאך נישט געהאט אמונה - 'נאר', ער רעדט אמונה, ער איז זיך משתדל אין אמונה).

[ח] ליקו"מ ח"ב תורה מד: הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם בִּבְחִינַת: "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" (תְּהִלִּים פ"ט) הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה : עיי"ש כל התורה

די זעלבע זאך איז דאך מצות הבטחון, וואס איז די שלימות פון אמונה, ווען א מענטש איז אריינגעפאלן אין א פחד, ער האט געהערט געפערליכע שמועות, און ער זאגט צו זיך פסוקי בטחון, "הִנֵּה אֵל יְשׁוּעָתִי אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד כִּי עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ ה' וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה", "ה' צְבָאוֹת עִמָּנוּ מִשְׂגָּב לָנוּ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב סֶלָה", "ה' צְבָאוֹת אַשְׁרֵי אָדָם בֹּטֵחַ בָּךְ", וואס דער **ירושלמי** שרייבט אויף דעם: **'לעולם לא יזוז הפסוק הזה מפיך'**[ט], אז ער האט גערעדט די פסוקי בטחון, האט ער מקיים געווען מצות הביטחון, און ער איז אויסגעשוועקט געווארן מיט א מורא'דיגע גיוואלדיגע קדושה שאין דומה לה.

איך האב געטראכט, מיר האבן געזאגט פריער אז די פחדים זענען א מתנה פון אויבערשטן 'פאר א מענטש וואס איז נישט זכאי', אזיווי מיר האבן פריער איבערגעזאגט פון רבינו בחיי, עס שטייט א מענטש וואס איז רחמנא ליצלן 'ראוי לבוא עליו צרה', און דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אים, וואס טוט ער? שיקט ער אים א פחד, און אז דער מענטש שטארקט זיך אין בטחון, ראטעוועט מען אים פון די צרה. און נישט אז די פחד איז א צרה, נאר עס איז א מתנה! עס איז א געלעגנהייט!

זיי איהם ממליך!

ווי **רבי יעקב מאיר** [שעכטער שליט"א] זאגט אסאך מאל, א מענטש האט א נסיון, איז דאס א טעלעפאן רוף פון אצילות...!! השי"ת שרייט צו אים **"זיי מיר ממליך"**! - ממש א מתנה - "קום איך וויל דיר מקרב זיין! איך וויל דיר געבן א געלעגנהייט פון אויסשרייען פסוקי בטחון".

מיר דארפן וויסן, אז א נסיון בכלל, און בפרט א נסיון פון פחד, איז דאך א זאך אויף וואס עס שטייט אין חז"ל, **"נתת ליראיך נס להתנוסס"**, זאגט דער **מדרש:**

---

[ט] ירושלמי ברכות דף ל"ז: ר' חזקיה רבי יעקב בר אחא ר' יסא בשם רבי יוחנן לעולם לא יהא הפסוק הזה זז מתוך פיך (תהלים מו, ח) ה' צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה ר' יוסי בי ר' אבון ר' אבהו בשם ר' יוחנן וחברייא (תהלים פד, יג) ה' צבאות אשרי אדם בוטח בך.

י ז"ל במדרש בראשית רבה פרשה נח: "ויהי אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם, כתיב (תהלים ס) 'נתתה ליראיך נס להתנוסס מפני קושט סלה', ניסיון אחר ניסיון וגידולין אחר גידולין בשביל לנסותן בעולם, בשביל לגדלן בעולם כנס הזה של ספינה וכל כך למה מפני קושט בשביל שתתקשט מדת הדין בעולם שאם יאמר לך אדם למי שהוא רוצה להעשיר מעשיר, למי שהוא רוצה מעני, ולמי שהוא רוצה הוא עושה מלך, אברהם כשרצה עשאו מלך, כשרצה עשאו עשיר, יכול את להשיבו ולומר לו יכול את לעשות כמו שעשה אברהם אבינו, והוא אומר מה עשה, ואת אומר

'גידולין אחר גידולין שמו אותו על נס', עס מיינט דערהייב עס אויף א הויעכע פלאץ, אז דו האסט געגעבן פאר דיינע פריינד א נסיון איז עס נאר 'כדי לגדלם', השי"ת גיבט פחד פאר א מענטש אז ער זאל הויעך ווערן, אז ער זאל גרויס ווערן. "**אפילו מען דארף אוועקגיין פון דעם פחד, אבער דער עצם זאך איז א מתנה**", זיי נישט אזוי נערוועז אז דו האסט פחדים! עס איז נאך א געלעגנהייט אים ממליך צו זיין, נאך א געלעגנהייט אים ממליך צו זיין! אשרינו אז מיר ווייסן פון דעם אמת פון בטחון, פון אמונה.

## פחד איז א דמיון

יעצט לאמיר צוגיין צו א נקודה וואס דער רבי גיבט אונז אן עצה נישט נאר אויף דעם, נאר אויף אלע מחשבות, און מיר דארפן עס גאר שטארק וויסן.

אויף דער ענין פון יצר הרע בכלל, זאגט דער רבי אין **תורה כ"ה**, וואס איז א יסוד גדול, [דער רבי רעדט עס אויך אין **תורה ח'** אין צווייטן חלק און נאך אסאך פלעצער]. "**דער יצר הרע איז מדמה**", און מדמה איז א זאך וואס א מענטש איז מוסיף יעדע מאל אין דעם דמיון, 'און אזוי וואקסט דער יצר הרע'. דער רבי זאגט עס כלפי טראכטן מחשבות קעגן אמונה און קעגן קדושה, אז דער עיקר עצה אויף דעם איז 'היסח הדעת', דאס איז די עצה - מסיח דעת זיין פון די מחשבה. דאס איז אלעמאל די עצה, '**אל תכנס עם פתויך בטוען ונטען**'.

עס איז דא א לאו דאורייתא: "**ולא תתורו אחרי לבבכם**", "אחרי לבבכם" זו מינות. איינע פון די מחשבות פון מינות איז צו טראכטן אז דער אויבערשטער איז חלילה מפקיר א מענטש בעת צרה. מיר האבן א 'מצות עשה' - א 'קום ועשה' פון אמונה "**אנכי ה' אלקיך**", און די מצוה פון בטחון.

אבער חוץ פון דעם האבן מיר אויך א 'מצוות לא תעשה' פון "**ולא תתורו**". און ווי די ראשונים זענען מסביר אז "ולא תתורו" מיינט - נישט משהה [פארזוימען] זיין

לו ואברהם בן מאת שנה בהולד לו, ואחר כל הצער הזה נאמר לו קח נא את בנך את יחידך ולא עיכב, הרי נתת ליראיך נס להתנוסס".

די מחשבה אין מוח. און דער רבי האט זייער מזהיר געווען אויף דעם, צו מסיח דעת זיין, אוועקגיין פון די מחשבה, נישט לאזן די מחשבה משקט זיין דעם מוח.

רבי נתן ברענגט אין **הלכות קריאת התורה** אות י׳, י״א, י״ב[א]; זאגט ער אז א מענטש ווייסט דעם עיקר דעת, ווי מיר האבן פריער דערמאנט אז דאס איז א מחיצה פרוסה וואס ראטעוועט פון אלע שלעכטס. זאגט ער אז עס קען איהם ראטעווען '**מכל תוקף מצולות ים השוטפים על האדם**'. זאגט ער אז מען דארף האבן א קלארקייט אין מוח, '**לדעת האמת כי ה׳ הוא האלקים, ואסר לנו בתורתו להרהר, ועל ידי זה יודע לבלי להתחיל לחשוב כלל, ומה שנעשה עמו ממילא שרודפים אחריו המחשבות רעות בעצמן, אל יסתכל על זה כלל ויעשה עצמו כאינו יודע, ואל יסתכל לאחוריו כלל, וכמובא מזה הרבה בדבריו הקדושים, ואי אפשר לבאר כל זה, רק צריך להבין בעצמו איך לברוח על ידי הדעת מכל המחשבות רעות, בכח הצדיק האמת**'.

אבער דער **יסוד הדברים** איז, אז עס זאל זיין קלאר אפגעמאכט ביי א מענטש: פחד איז א שקר! און דער אויבערשטער לאזט מיר נישט טראכטן די מחשבה פון פחד, ווייל עס איז א שקר. ער היט מיר! ער לאזט מיר נישט טראכטן די מחשבה

[א] הלכות קריאת התורה הל׳ ו׳ אות י״א: **...כִּי הָעִקָּר הוּא לְתַקֵּן הַשְּׁלֹשָׁה מֹחִין שֶׁיִּהְיוּ שָׁלֹשׁ מְחִצּוֹת פְּרוּסוֹת בִּפְנֵי זֹאת הַתַּאֲוָה שֶׁל מִשְׁגָּל וְכוּ׳**, כַּמּוּבָן שָׁם בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל וְהָעִקָּר הוּא עַל-יְדֵי הַדַּעַת, שֶׁהוּא הַמֹּחַ הַשְּׁלִישִׁי מֵהַשְּׁלֹשָׁה מֹחִין חָכְמָה בִּינָה דַּעַת שֶׁצְּרִיכִין לִזָּהֵר בְּיוֹתֵר לְבִלִּי לִפְגֹּם בּוֹ כְּלָל כִּי כָּל הַפְּגָמִים הֵם עַל-יְדֵי פְּגַם הַדַּעַת בִּבְחִינַת פְּגַם עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע שֶׁפָּגַם אָדָם הָרִאשׁוֹן, שֶׁעִקַּר הַפְּגָם הָיָה בְּהַדַּעַת, כַּמּוּבָא וּמִשָּׁם, הַיְנוּ מֵהַדַּעַת, הוּא עִקַּר הַתִּקּוּן, כִּי עִקַּר תִּקּוּן הַמַּחֲשָׁבָה הוּא עַל-יְדֵי הַדַּעַת שֶׁיּוֹדֵעַ בְּבֵרוּר הָאֱמֶת שֶׁאֵין צְרִיכִין לְהַרְהֵר חַס וְשָׁלוֹם, וְלַחֲשֹׁב מַחְשָׁבוֹת חוּץ וְעַל-כֵּן אֵין צָרִיךְ לְהַתְחִיל לִכָּנֵס בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן כְּלָל וְכוּ׳ ( וְכַמּוּבָא בְּסֵפֶר הָא"ב, אַל תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן וְכוּ׳) וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמָקוֹם אַחֵר בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים , שֶׁהָעִקָּר לְבִלִּי לְהַתְחִיל לַחֲשֹׁב כְּלָל וּכְלָל, ...וְגַם בְּעִקַּר הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הָעִקָּר הוּא הַדַּעַת שֶׁיּוֹדֵעַ הָאֱמֶת בִּלְבָבוֹ כִּי ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים וְכוּ׳ בְּלִי שׁוּם חֲקִירוֹת כְּלָל רַק כְּפִי מַה שֶּׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים שֶׁבֵּרְרוּ לָנוּ הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁעִקָּרָהּ הִיא אֱמוּנַת חִדּוּשׁ הָעוֹלָם עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, ...וְעַל זֶה נֶאֱמַר ( דְּבָרִים ד), "וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים" וּכְתִיב ( דִּבְרֵי הַיָּמִים א ח), "דַּע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ", שֶׁפֵּרוּשׁוֹ הוּא הַיְדִיעָה הַבְּרוּרָה, שֶׁהִיא עַל-יְדֵי אֱמוּנָה שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ, כַּמּוּבָא בְּסִפְרֵי קֹדֶשׁ, בִּפְרָט בִּדְבָרֵינוּ, עַיֵּן שָׁם... אות י״ב: **נִמְצָא, שֶׁעִקַּר הוּא שְׁמִירַת הַדַּעַת שֶׁיּוֹדֵעַ אֲמִתַּת סוֹף הַדָּבָר שֶׁעַל-יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהַצִּיל אֶת עַצְמוֹ מִכָּל תֹּקֶף מְצוּלוֹת יָם הַשּׁוֹטְפִים עַל הָאָדָם** חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁהָעִקָּר לְהַצִּיל אֶת עַצְמוֹ הוּא עַל-יְדֵי פְּנִימִיּוּת הַדַּעַת שֶׁיּוֹדֵעַ הָאֱמֶת **כִּי ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים וְאָסַר לָנוּ בְּתוֹרָתוֹ לְהַרְהֵר** וְכוּ׳ **וְעַל-יְדֵי זֶה יוֹדֵעַ לְבִלִּי לְהַתְחִיל לַחֲשֹׁב כְּלָל** וְכוּ׳ **וּמַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עִמּוֹ מִמֵּילָא שֶׁרוֹדְפִין אַחֲרָיו הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת בְּעַצְמָן, אַל יִסְתַּכֵּל עַל זֶה כְּלָל וְיַעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאֵינוֹ יוֹדֵעַ וְאַל יִסְתַּכֵּל לַאֲחוֹרָיו כְּלָל, וְכַמּוּבָא מִזֶּה הַרְבֵּה בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר כָּל זֶה, רַק שֶׁצָּרִיךְ לְהָבִין בְּעַצְמוֹ אֵיךְ לִבְרֹחַ עַל-יְדֵי הַדַּעַת מִכָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת** הַבַּעַל כֹּחַ הַנַּ"ל וְעַל-פִּי דַּרְכֵי עֲצוֹתָיו וְהִתְחַזְּקוּתוֹ שֶׁמֵּשִׁיב כָּל נֶפֶשׁ בְּשִׁבְעָה מְשִׁיבֵי טַעַם מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית: עיי״ש

אזיווי עמלק לייגט אראפ דא די בילד. ער היט מיר! און איך וויל נישט אריינגיין בפתויו פון טוען ונטען.

## מדמה לעבט נאר אויב מ'פיטערט אים'

חוץ פון די עצה פון בטחון, חזר'ן בטחון, איז דא א גרויסע זאך פון 'היסח הדעת' פון א פחד. און אזוי ווי מיר האבן אנגעהויבן, "**מדמה אז מ'פיטערט עס נישט, שטארבט עס, און עס גייט אויס פון זיך אליינס**". דער גאנצער כח פון פחדים איז - וואס א מענטש מאלט זיך אויס און איז זיך מצייר איינמאל און נאכאמאל, און ער גייט אריין טיפער אין די דמיונות. אז מען וועט אריינטראכטן וועט מען זען אז ווען א מענטש הערט א שמועה, מאלט ער זיך אויס א גאנצע צייט וויאזוי וועט דאס אויסזען, און וואס וועט דא זיין, און ער ליגט אין דעם, און אינמיטן הייבט אן זיין הארץ צו קלאפן, און עס ווערט ערגער און ערגער.

און ווען ער איז פשוט מסיח דעת, אזוי ווי די עצה ביי מחשבות טמאות רחמנא ליצלן, פשוט איך הייב אן טראכטן פון גשמיות'דיגע זאכן, רוחניות'דיגע זאכן, פון תורה, פון תפילה, איך גיי אוועק, איז אסאך קלענער דער פחד.

דער טייערער שואל פרעגט, אז עס נעמט אים איבער אים זיין מחשבה? ער איז משהה מחשבתו, מ'טאר עס נישט טוהן! א מחשבה קעגן אמונה, א מחשבה פון כפירה, וואס מיר טארן נישט דארט זיין. און מיר דארפן זיך אריינלייגן א יראה אויף דעם. מען האט פריער איבערגעזאגט פון רבינו בחיי, אז צו טראכטן אין דעם, **איז ממש מסוכן בגשמיות, און אוודאי און אוודאי מסוכן ברוחניות.** עס קען צוברעכן די גאנצע אמונה פון א איד. איך וויל עס נישט טראכטן!

און מיר האבן א כלל, ווי **רבי נתן** זאגט אויפן פסוק "**מבלי הגיד לו כי בורח הוא**", אז ווען מ'אנטלויפט פון מחשבות 'אנטלויפט מען נישט מיט א בהלה', נאר קאלטערהייט! פשוט, אריבערגיין צו א צווייטע מחשבה. מ'נעמט א ספר, און מ'הייבט אן זיך מעמיק זיין אין א גמרא, אין משניות, אדער אפילו אין סתם גשמיות'דיגע זאכן, מאכן חשבונות וכדו', "ער וויל נישט טראכטן! פשוט נישט טראכטן די מחשבה". און די זאך נעמט אראפ גאר גאר אסאך פון דעם פחד וואס וואקסט פון מדמה.

דאס איז א עצה סיי ביי 'סור מרע' און סיי ביי 'עשה טוב'. פארשטייט זיך, מען דארף מרבה זיין אויך אין מחשבות פון שמחה, און מחשבות פון רחמי השם עלינו, און מאכן "בצר הרחבתי לי", אסאך רעדן פון דעם, ווי רבי נתן רעדט, און אוודאי און אוודאי דעם חלק פון היסח הדעת.

## די פריצים און רויבער זענען נאר א שטעקן

נאך א נקודה עיקרית וואס רבי נתן רעדט ארום בהרחבה אויף דעם נושא, און עס איז גאר וויכטיג צו וויסן. וואס דאס איז דער גרעסטער המתקת הדין בעת צרה. און לכאורה וואס מ'גייט יעצט זאגן, איז א מעטשנ'ס תפקיד נאר נאך ווען מ'ווערט אביסל בארואיגט, ווייל אז נישט איז דאס א זאך וואס קען פשוט ארייַנשלעפן דעם מענטש ווייטער אין די 'יראות נפולות'. נאר ווען ער איז אביסל ביי זיך, דארף מען טון די זאך.

רבי נתן רעדט ארום גאר שטארק, איבער דעם וואס דער רבי רעדט אין **תורה קפ"ה, תורה ט"ו**, און נאך תורות, אז דער שורש פון 'יראות נפולות' איז ווען א מענטש איז נישט מעלה די יראה לשורשה. און אזוי ווערט פחדים. און דאס איז באמת די גאנצע זאך פון עמלק, אזוי ווי מען האט פריער איבערגעזאגט פון **הל' בכור בהמה טהורה הלכה ד'** [בעמוד 3]. זאגט דארטן רבי נתן בתוך דבריו: **אז דער עיקר כח פון עמלק איז אז ער לייגט אונז אריין אין כח הטבע, און דער מענטש פארבינדט נישט, ער איז נישט מעלה די 'יראה לשורשו להתירא רק מה' יתברך שממנו הכל', וואס דעמאלטס איז די יראה בשלמות,** ד.ה. ער פארשטייט ווער עס רופט מיר, ווער רעדט צו מיר, **מיין טייערער ליכטיגער הארציגער בורא רעדט דא צו מיר! און ער הייסט מיר טון די זאך, און עמלק'ס גאנצע זאך איז אז ער איז מנתק – "ולא ירא אלוקים" - נאר עס זאל זיין א 'יראה נפולה'.**

און דער עיקר עבודה פון דעם איז, ווי רבי נתן ברענגט אין **תפילה קכ"ה**, [אויף די תורה קפ"ה וואס דארט רעדט דער רבי אויף מעלה זיין די יראות נפולות], זאגט ער: **"ותצילנו ותשמרנו מכל מיני יראות הנפולות, יראות חיצוניות, ולא אירא ולא אפחד משום דבר שבעולם, לא מחיה רעה ולסטים, ולא מפריצים ורשעים, ולא משום דבר שדרך בני אדם לפחד ממנו, מכולם תשמרנו ותצילנו שלא אירא ולא אפחד מהם כלל, רק אזכה להתבונן תיכף במהירות גדול,** איך זאל גלייך אויף דער מינוט כאפן, **האמת לאמיתו שאין בהם כח ליראנו ולהפחידנו, כי אם על ידי שנפלה ונתלבשה בהם היראה**

**מלמעלה. ואזכה להעלות היראה לשורשה, להתירא ולפחד ממך ומפניך, איום ונורא, באופן שאזכה ליראה גדולה, ליראה קדושה באמת, ולהעלות כל היראות הנפולות לשורשם**", און ער זאגט דארטן נאכדעם - איך זאל נישט דארפן צוקומען אז עס זאל זיין אויף מיר א **יראה פון** '**דברים תחתונים שנפלה בהם היראה העליונה**', נאר מיר זאלן אליין האבן א ריכטיגע יראה".

דער מציאות אז ווען א מענטש האט מורא פון אן אראבער, אדער פון אלע אנדערע צרות ה"י, האט ער דאך אפגעהאקט, ווער איז דער וואס האט געמאכט די פחד?, ווער שיקט מיר די יראה? אויב איז ער פארנומען מיט די זאך אליין - איז דאס איז טבע, איך האב אפגעהאקט די זאך פון 'מקור היראה', דאס איז עמלק!

דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן מחבר זיין די יראה לשורשה, **עס איז נישטא דא קיין אראבער**, עס איז נישט מער ווי א שטעקן ביד האדם, אזוי ווי ווען א מענטש קומט מיט א שטעקן, פארשטייט יעדער איינער אז איך האב מורא פון דעם מענטש נישט פון דעם שטעקן, אזוי אויך דא האב איך מורא פון דער וואס שיקט די יראה, דאס הייסט: די גאנצע מעשה איז א שטעקן ביד ה' יתברך, און ער רופט מיר דאך, **איך וויל נישט זיין פארנומען מיט די זייטיגע זאך נאר מיט אים.**

און ער רעדט צו מיר! און ער איז א גרויסער רחמן! און איך וויל אליין האבן יראה פון אים, איך וויל נישט האבן דא די דאגה "מיט וואס ער איז מיר מיירא", נאר האבן א יראה "פון אים"!

און אין הלכות הרשאה הלכה ג'[יב] איז רבי נתן מרחיב אויף דעם, עס איז כדי עס צו זען אינעווייניג דארטן, דברים נפלאים אין אות ה', ממש דברים מתוקים ווי ער

---

[יב] עיי"ש כל ההלכה דברים מתוקים וברורים. וזה לשונו שם באות ה': וְזֶה שֶׁבִּקֵּשׁ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, "שָׁפְטֵנִי ה' וְכוּ', מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא". וּבְמָקוֹם אַחֵר הוּא אוֹמֵר, "אַל תָּבוֹא בְּמִשְׁפָּט אֶת עַבְדֶּךָ". וּכְמוֹ שֶׁהִקְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַךְ עַל פִּי הַנַּ"ל מְיֻשָּׁב הֵיטֵב עַל נָכוֹן, כִּי דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בִּקֵּשׁ שֶׁיִּהְיֶה מִשְׁפָּטוֹ מֵה' יִתְבָּרֵךְ בְּעַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "שָׁפְטֵנִי ה' מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא וְכוּ'". וְאָז בְּוַדַּאי יִהְיֶה הַמִּשְׁפָּט בְּרַחֲמִים וּבְחֶמְלָה גְּדוֹלָה, אֲבָל לֹא יִתְלַבֵּשׁ הַמִּשְׁפָּט, חַס וְשָׁלוֹם, בִּשְׁאָר דְּבָרִים כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, "אַל תָּבוֹא בְּמִשְׁפָּט אֶת עַבְדֶּךָ", שֶׁהוּא בְּחִינָה שֶׁה' יִתְבָּרֵךְ בָּא בְּהִתְלַבְּשׁוּת בִּבְחִינַת הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן, בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת, כִּי בֶּאֱמֶת ה' יִתְבָּרֵךְ מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִנֵּיהּ וּכְשֶׁאָדָם זוֹכֵר אֶת ה' יִתְבָּרֵךְ וְאֵינוֹ שׁוֹכֵחַ אוֹתוֹ אֲפִלּוּ שָׁעָה קַלָּה נִמְצָא הוּא קָרוֹב לַה' יִתְבָּרֵךְ תָּמִיד וְהוּא שׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת לִפְנֵי ה' יִתְבָּרֵךְ בְּעַצְמוֹ וְאָז מִשְׁפָּטוֹ יוֹצֵא רַק מֵה' יִתְבָּרֵךְ בְּעַצְמוֹ וְאָז בְּוַדַּאי הוּא נִצּוֹל מִכָּל הַמִּשְׁפָּטִים וְהַדִּינִים כַּנַּ"ל. וְעַל זֶה בִּקֵּשׁ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם: "מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא וְכוּ'" כַּנַּ"ל. אֲבָל כְּשֶׁאֵין הָאָדָם מִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ לַחֲשֹׁב עַל דְּרָכָיו וְלִשְׁפֹּט אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל דָּבָר. נִמְצָא, שֶׁה' יִתְבָּרֵךְ רָחוֹק מִבֵּין עֵינָיו וְשׁוֹכֵחַ, חַס וְשָׁלוֹם,

רעדט ארום די זאך, אז באמת איז דער אויבערשטער 'מלא כל הארץ כבודו', און ווען א מענטש געדענקט דעם אויבערשטן א גאנצע צייט און ער פארגעסט נישט פון אים, און ער איז זיך אליין שופט, און ער מאכט אויף זיך אליין א משפט מיט א יראה אויף זיך, ווערט ער ניצול מכל המשפטים והדינים. און ער זאגט, אז אויף דעם האט דוד המלך געבעטן 'מלפניך משפטי יצא'.

אבער ווען א מענטש מאכט נישט התבודדות זיך צו משפט'ן און זיך אריינברענגן א הייליגע יראה, אז די וועלט איז נישט הפקר! ווי קען איך טון אזעלכע זאכן קעגן השי"ת? און אים איבערבעטן אויף דעם! און שרייען צו אים איך וויל זיין נאנט צו דיר! און בשעת ווען ער גייט הפקר'דיג חלילה, ער פארגעסט פונעם אויבערשטן, '**לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון**', ער דערווייטערט זיך פון אויבערשטן - דערווייטערט זיך אויך השי"ת פון אים כביכול, און ווען ס'קומט א משפט איז זיך עס מתלבש 'כאילו' דער אויבערשטער קומט צו אים פון דערווייטנס, **כמו מי שבא מרחוק**, און ער דערקענט נישט דעם אויבערשטן, און ער טוט זיך אן

לִפְנֵי מִי הוּא עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן. וּכְמוֹ שֶׁהוּא מִתְרַחֵק מֵה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ כֵן, כִּבְיָכוֹל, ה' יִתְבָּרַךְ מִתְרַחֵק מִמֶּנּוּ חַס וְשָׁלוֹם, כִּי יוֹם תַּעַזְבֵנִי יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ, וַאֲזַי בְּעֵת שֶׁמַּגִּיעַ הַמִּשְׁפָּט עָלָיו אֲזַי, כִּבְיָכוֹל, ה' יִתְבָּרַךְ מִתְלַבֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ וּבָא אֵלָיו בְּדִין וּמִשְׁפָּט כְּמוֹ מִי שֶׁבָּא מֵרָחוֹק וּמִתְלַבֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בִּלְבוּשִׁים אֲחֵרִים שֶׁאֲזַי אֵין הָאָדָם מַכִּיר אוֹתוֹ. כְּמוֹ כֵן ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁנִּתְרַחֵק מִמֶּנּוּ עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו עַל שֶׁלֹּא חִשֵּׁב דְּרָכָיו וְלֹא שָׁפַט אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת. הוּא יִתְבָּרַךְ בָּא אֵלָיו בְּמִשְׁפָּט. כְּמוֹ מִי שֶׁבָּא מֵרָחוֹק. בִּבְחִינַת ה' בְּמִשְׁפָּט יָבוֹא, הַיְנוּ שֶׁהַמִּשְׁפָּט מִתְלַבֵּשׁ בִּשְׁאָר דְּבָרִים וְכַנַּ"ל וְאָז קָשֶׁה לְהַכִּיר אוֹתוֹ. וּצְרִיכִין אָז לְהַבִּיט הֵיטֵב לְהַכִּירוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת אֲפִלּוּ אִם אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וְלִשְׁפֹּט אֶת עַצְמוֹ מִקֹּדֶם עַד שֶׁבָּא הַדִּין עָלָיו, חַס וְשָׁלוֹם, הוּא צָרִיךְ עַל כָּל פָּנִים אַחַר כָּךְ לָשׁוּב עַד הַמַּכֵּהוּ וּלְהַעֲלוֹת כָּל הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּתְבּוֹנֵן שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיּוּכַל לְיָרְאוֹת וּלְהַפְחִיד אוֹתוֹ אוֹ לַעֲשׂוֹת בּוֹ דִּין וְיִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, כִּי אִם עַל פִּי מִשְׁפָּט שֶׁלְּמַעְלָה עַל יְדֵי חִיּוּת אֱלֹקוּת שֶׁנִּתְלַבֵּשׁ בְּזֶה הַדָּבָר שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת יִרְאָה עִלָּאָה שֶׁיָּרְדָה מִכִּסְאָהּ בַּעֲווֹנוֹתָיו וְנִתְלַבְּשָׁה בְּאֵלּוּ הַדְּבָרִים שֶׁיֵּשׁ לוֹ פַּחַד וְיִסּוּרִים מֵהֶם, חַס וְשָׁלוֹם, וְאָז כְּשֶׁמִּתְבּוֹנֵן כָּל זֹאת הֵיטֵב בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים וּמְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו וְשׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ עַכְשָׁו עַל כָּל פָּנִים וְשָׁב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לַה' יִתְבָּרַךְ אֲזַי זוֹכֶה לְהַעֲלוֹת כָּל הַיִּרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת לְשָׁרְשָׁן כַּנַּ"ל, אֲבָל בֶּאֱמֶת קָשֶׁה מְאֹד אָז לְהַעֲלוֹתָן וּלְבָרְרָן כִּי אִם בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה וּבְרַחֲמִים רַבִּים. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין יז), "לְעוֹלָם יַקְדִּים אָדָם תְּפִלָּה לְצָרָה וְכוּ'". וּבִפְרָט מִי יוֹדֵעַ אִם יִזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר אָז לָשׁוּב בֶּאֱמֶת, כִּי לִפְעָמִים אֲפִלּוּ כְּשֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עַל הָאָדָם, חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ זוֹכֶה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ וְלִפְעָמִים הַיִּסּוּרִין מְעַקְּמִין אֶת לְבָבוֹ יוֹתֵר מֵה' יִתְבָּרַךְ, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי הֵם בְּחִינַת יִרְאוֹת הַנְּפוּלוֹת שֶׁמֵּהֶם אֲחִיזַת הַחִיצוֹנִים כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן לִפְעָמִים אִם אֵינוֹ זוֹכֶה לְהִתְגַּבֵּר הֵם מַטְעִין וּמְעַקְּמִין אֶת לְבָבוֹ יוֹתֵר, חַס וְשָׁלוֹם, עַל כֵּן טוֹב לַגֶּבֶר שֶׁיַּקְדִּים לִשְׁפֹּט אֶת עַצְמוֹ מִקֹּדֶם כַּנַּ"ל כְּדֵי שֶׁלֹּא יִצְטָרֵךְ הַדִּין לְהִתְלַבֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ, חַס וְשָׁלוֹם. וְזֶהוּ, "אַל תָּבוֹא בְמִשְׁפָּט אֶת עַבְדֶּךָ", שֶׁלֹּא יָבוֹא בְּמִשְׁפָּט, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יִתְלַבֵּשׁ הַמִּשְׁפָּט בִּדְבָרִים אֲחֵרִים רְחוֹקִים מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, כִּי אָז בְּוַדַּאי 'לֹא יִצְדַּק לְפָנָיו כָל חָי', אֲבָל כְּשֶׁקְּרוֹבִים לַה' יִתְבָּרַךְ וְהַמִּשְׁפָּט מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ עַל יְדֵי שֶׁהָאָדָם שׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ אֲזַי הַמִּשְׁפָּט הוּא רַק רַחֲמִים וְחֶמְלָה וַחֲנִינָה, כִּי מִשְׁפָּט הוּא רַחֲמֵי, כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ:

כביכול אין דברים וואס איז קשה להכיר אותם, מען זעהט אראבער, מען זעהט פחדים, מען זעהט מלחמות.

זאגט ער, אבער אפילו עס איז שוין אזוי געשען די זאך, נעבעך, אז א מענטש האט נישט געטראכט, צריך על כל פנים נאכדעם וואס עס איז שוין יא געקומען אזוי, '**לפשפש במעשיו ולשפוט את עצמו מקודם עד שבא הדין עליו ח"ו, לשוב עד המכהו ולהעלות כל היראות הנפולות להשי"ת, דהיינו שיתבונן שאין שום דבר שיוכל ליראות ולהפחיד אותו או לעשות בו דין ויסורים**', נאר ווען השי"ת האט עס געטון, ער האט דא געשיקט די זאך, די יראה עילאה איז נתלבש געווארן, '**שירדה מכסאה בעוונותיו ונתלבשה באלו הדברים שיש לו פחד ויסורים**', זאגט רבי נתן א מורא'דיגע זאך, '**ואז כשמתבונן כל זאת היטב באמת ובתמים, ומפשפש במעשיו ושופט את עצמו 'עכשיו' על כל פנים**', נאך ווען עס איז שוין געקומען די צרה, די יסורים, די פחדים, '**ושב בתשובה להשם יתברך, אזי זוכה להעלות כל היראות הנפולות בשורשם**', און ער איז דארט **ממתיק דעם דין.**

און ער איז ממליץ - פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן אויף דעם, ווייל נאך ווען ס'קומט שוין די צרה, איז דא אמאל וואס עס ווערט יראות נפולות, עס ווערט אחיזת החיצונים, אזויווי מיר האבן פריער גערעדט, '**ומטעין ומעקמין לבבו יותר, על כן טוב לגבר שיקדים לשפוט את עצמו**'.

אבער על כל פנים ווען עס איז נישט געווען אזוי, און עס איז שוין יא געקומען די פחדים, איז דער עיקר תפקיד אונזערע איבערנעמען די יראה, אז השם יתברך שרייט מיר דא "האב יראה", וואס איז די יראה? אז מיר זאלן געדענקען אז עס איז דא א משפט, עס איז דא א דין וחשבון! די וועלט איז נישט הפקר! איך משפט זיך אליין. א מענטש האט געטאן אן עבירה, זאל ער זיך מבזה זיין, און שרייען צו זיך, און זיך קנס'נען אפילו מיט א קליינע זאך, ווי רבי נתן רעדט דארטן, אבער עס איז נישט קיין הפקר וועלט, עס איז דא א יראה, עס איז דא א בעל-הבית, עס איז דא א מלך אויף דער וועלט! פארשפארט ער זיך אלעס מיט דעם, ווייל ווען עס ווערט נתגלה ווער איז דא דער מייראה, גייט אוועק די יראה.

**"התבודדות" דאס איז די געוואלדיגע געוואלדיגע 'מתנה', די 'עצה' ווי אזוי זיך צו ראטעווען, און אריינברענגען אין זיך א ריכטיגע חיות'דיגע יראה, א יראה פון נישט**

**וועלן זיך אפטשעפן פון אזא זיסע בורא! און דאס איז די נקודה וואס איז ממתיק דעם דין.**

## סיכום למעשה

מיר וועלן עס מסכם זיין אין א ווארט; אונז האבן גערעדט, **א]** סיי דעם חלק אז מיר דארפן וויסן אז אנטלויפן פון פחדים איז גאר גאר א וויכטיגע זאך, ווייל עס איז תלוי אין דעם די גאנצע מלחמה פון עמלק. **ב]** און ווייטער אז מיר זאלן וויסן אז דעם חלק פון סור מרע איז דורך היסח הדעת, היסח הדעת מיינט אז מיר זאלן פשוט נישט מרבה זיין אין די מחשבות פון דעם פחד. **ג]** און אוודאי דעם עשה טוב פון טראכטן די מחשבות פון שמחה, פון השגחה, און וויסן אז יעדע טשעפע אין דעם איז גאר הארב, און פארקערט, איך טאר עס נישט טראכטן. זיין ביי זיך מיט א קלארקייט, איך טאר עס נישט טראכטן!

**ד]** און אזוי אויך דעם חלק פון מחבר זיין 'יראה לשורשה', עוסק זיין און האבן אליין א יראה אין אזא צייט, אין התבודדות און משפט, ווי דער רבי רופט דאס, זיך משפט'ן און זיך אליין מיראה זיין מאימת השם, איך וויל נישט מורד זיין אין אים!, וואס דאס איז דער גרעסטער המתקת הדין. און דעמאלטס באווייזט השי"ת זיין יראה עילאה, און מען זאל נישט דארפן צוקומען צו אזא דרויסענדיגע יראה.

## באשעפער, איך דערהער וואס דו זאגסט דא

נאר אין א ווארט אויספירן אויף די לעצטע שאלה וואס ער האט געפרעגט, די כלליות'דיגע שאלה, וויאזוי זאל זיין די תפילה אויף א צרה? פון איין זייט יעדע צרה איז דאך לטובה, און פון די צווייטע זייט טוט עס ווי פארן אייבערשטן.

דער אמת איז, רבי נתן רעדט עס דארטן אין הלכות מילה הלכה ה', און עס איז אראפגעברענגט אין השתפכות הנפש אות ק'[ג], עס איז כדי מען זאל עס זען

[ג] השתפחות הנפש אות ק': לִכְאוֹרָה קָשֶׁה, מֵאַחַר שֶׁבֶּאֱמֶת כָּל הַיִּסּוּרִים וְהַחֶסְרוֹנוֹת שֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם הַכֹּל הוּא לְטוֹבָתוֹ אוֹ לְזַכּוֹתוֹ עַל יָדָם לְחַיִּים נִצְחִיִּים אוֹ כְּדֵי שֶׁיִּנָּצֵל עַל-יְדֵי-זֶה מִצָּרוֹת יוֹתֵר גְּדוֹלוֹת כַּיָּדוּעַ וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לוֹמַר 'כָּל מַה דְּעָבֵד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵד', אִם כֵּן לָמָּה הִזְהִירוּ אוֹתָנוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, לְהִתְפַּלֵּל עַל צְרָכָיו וְחֶסְרוֹנוֹתָיו אַךְ בֶּאֱמֶת אַף-עַל-פִּי-כֵן הָאָדָם צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל עַל כָּל חֶסְרוֹנוֹתָיו כִּי קֹדֶם שֶׁמִּתְפַּלֵּל הָאָדָם בְּוַדַּאי הוּא טוֹבָה גְּדוֹלָה כָּל מַה שֶּׁבָּא עַל הָאָדָם וַאֲפִלּוּ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, כִּי אֵין לוֹ עֲדַיִן כֵּלִים וְצִנּוֹרוֹת לְקַבֵּל עַל יָדָם שֶׁפַע הַחֶסֶד,

אינעווייניג, רבי נתן פרעגט דארטן, '**לכאורה קשה, מאחר שבאמת כל הייסורים והחסרונות שיש לאדם, הכל הוא לטובתו, או לזכותו על ידם לחיים נצחים**', אדער אים צו ראטעווען פון צרות יותר גדולות כידוע, אזוי ווי חז"ל זאגן, א מענטש דארף זאגן "**כל מה דעביד רחמנא לטב עביד**", פרעגט ער, פארוואס דארף א מענטש דאווענען, אויף אלע זיינע חסרונות, אז עס איז דאך א טובה?

רעדט דארט רבי נתן ארום די זאך, אז ווען א מענטש באקומט שפע פון השי"ת, און ווען ער האט כלים אויף דעם, ווערט עס פאר אים א בחינה פון '**ריבוי השמן גורם כיבוי הנר**', דער שפע קען זיין פאר אים שלעכט. אבער ווען ער באקומט די שפע, און ער האט כלים אויף דעם, איז דעמאלטס קען אויסגעפארעמט ווערן די שפע לטובה. איז ווען א מענטש באקומט יסורים און ער איז "מתפלל" אויף דעם, קען שוין קומען דער שפע פון גוטס, ווייל ער האט שוין כלים וויאזוי ער זאל דאס באקומען, און דעמאלטס קען ער באקומען די טובה אפילו אן די יסורים. אזוי רעדט ער דארטן ארום.

אבער איך וויל צולייגן נאך א ווארט - לויט וואס מיר האבן יעצט גערעדט, "**וויאזוי עס זאל זיין די תפילה?**". די תפילה בעת צרה דארף זיין גאר שטארק, "זיך צאמרעדן מיט אים", "***רבונו של עולם!*** *איך האב פארשטאנען וואס דו רעדסט צו מיר. דו ביסט מיר מעורר, עס איז נישט משנה דורך וועמען, דורך אן אראבער, דורך יענעם, דאס איז די קליינינקייט. דאס איז ממש א זייטיגער פרט ווער עס איז און וויאזוי ער זעהט אויס.*

***רבונו של עולם****, דו רעדסט צו מיר, דו ביסט מיר מרמז אז דו האסט מיר ליב, דו ווילסט מיר נאנט צו דיר, דערפאר דערשרעקסטו מיר, ווייל דו ווילסט אז איך אליין זאל האבן יראה, און ווייל דו ווילסט מיר...! ווייל יראה איז דער כלי החסד אזוי וויס'שטייט אין תורה ד' אין צווייטן חלק.* ***טאטע****, וועק אויף אין מיר אליין א יראה, איך*

וְאִם יֵרֵד הַחֶסֶד קֹדֶם תִּקּוּנֵי הַכֵּלִים יִהְיוּ בִּבְחִינַת רִבּוּי הַשֶּׁמֶן הַגּוֹרֵם כִּבּוּי הַנֵּר וְאָז הַחֶסֶד נִתְהַפֵּךְ לְדִין קָשֶׁה חַס וְשָׁלוֹם, וְיוּכַל לָבוֹא לוֹ עַל-יְדֵי-זֶה הֶזֵּק וְהֶפְסֵד חַס וְשָׁלוֹם, מִמָּקוֹם אַחֵר וְעַל כֵּן כָּל זְמַן שֶׁאֵין הָאָדָם מִתְפַּלֵּל עַל חֶסְרוֹנוֹתָיו אָז הֵם לוֹ לְטוֹבָה גְּדוֹלָה אֲבָל עַל-יְדֵי הַתְּפִלָּה מַמְתִּיק הַדִּינִים וּמְתַקֵּן כֵּלִים וְצִנּוֹרוֹת לְקַבֵּל עַל יָדָם שֶׁפַע הַחֶסֶד כִּי עִקַּר תִּקּוּנֵי הַכֵּלִים הוּא עַל-יְדֵי תְּפִלָּה (עַיֵּן פְּנִים) וְאָז דַּיְקָא אַחַר שֶׁהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי תָּבוֹא לוֹ הַשֶּׁפַע בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי וּבְרִיאוּת הַגּוּף בְּאֵין מַחְסוֹר דָּבָר רַק לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה, בְּאֹפֶן שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הַשֶּׁפַע כְּלָל מֵאַחַר שֶׁכְּבָר נִתְקְנוּ עַל-יְדֵי הַתְּפִלָּה כֵּלִים וְצִנּוֹרוֹת לְקַבֵּל עַל יָדָם שֶׁפַע הַחֶסֶד (שָׁם, הִלְכוֹת מִילָה הֲלָכָה ה') :

*זאל נישט דארפן צוקומען צו די זייטיגע זאכן.* ***העלף מיר****, איך זאל נישט זיין שקוע אין עולם הזה, איך זאל זיך אליין ציען צו דיר, וועל איך פטור ווערן פון די אלע ביטערע און שווערע סארט מאורעות וואס זאלן מיר דארפן אויפוועקן".*

און די תפילה זאל זיין, 'מתוך' זיין צעקה אליין, טאקע פאר דעם, ווייל דו מיינסט-דאך נאר מיין גוטס, און דו ווילסט דאך מיין גוטס, וויל איך צוקומען צום תכלית וואס דו ווילסט, במהירות גדול ווי רבי נתן שרייבט דארטן ביי די תפילה. ***"העלף מיר****, איך זאל נישט מסיח דעת זיין, און זיין פארנומען מיט די טבע'דיגע מחשבות - פון וואס האט 'דער' געזאגט און וואס האט 'יענער' געזאגט - נאר איך זאל זיך צוזאמערעדן מיט דיר, איך זאל הערן דעם קול דקדושה, עס זאל נישט פארטומלט ווערן דער קול וואס השי"ת רעדט מיט אונז מיט אזא הארציגקייט",* **"ובכל צרתם לו צר"**, עס טוט אים אזוי וויי אז ער דארף זיך מתלבש זיין אין אזא יראה אונז אויפוועקן. ***"העלף מיר****, איך זאל אליין תשובה טון צו דיר",* דאס אליין זאל מען זיך אויסרעדן די הארץ צו איהם באמת ובלב שלם.

## די חיוב און אופן פון תפלה בעת צרה

און עס איז ידוע, עס איז דאך דא א מחלוקת ראשונים, צו תפילה איז א 'דאורייתא' אדער א 'דרבנן'. דער **רמב"ם**[יד] האלט אז עס איז א דאורייתא יעדן טאג, דער **רמב"ן**[טו] האלט אז עס איז א דרבנן. דער רמב"ן זאגט אבער אז בעת צרה איז ער אויך מודה אז עס איז א 'דאורייתא'.

[יד] הרמב"ם בהלכות תפילה פרק א' הלכה א': **מצות עשה להתפלל בכל יום שנאמר** (שמות כג-כה) "ועבדתם את ה' אלקיכם". **מפי השמועה למדו שעבודה זו היא תפלה שנאמר** (דברים יא-יג) "ולעבדו בכל לבבכם" **אמרו חכמים אי זו היא עבודה שבלב זו תפלה. ואין מנין התפלות מן התורה. ואין משנה התפלה הזאת מן התורה. ואין לתפלה זמן קבוע מן התורה:**

[טו] הרמב"ן בספר המצות עשה ה' אות א': *לעבוד ה' יתברך בתפילה בכל יום הוא שצונו לעבדו וכבר נכפל זה הצווי פעמים, באמרו "ועבדתם את ה' אלהיכם" (שמות כג, כה) ואמר "ואותו תעבודו" (דברים יג, ה).* **ואף על פי שזה הצווי הוא** *גם כן מהצוויים הכוללים, כמו שביארנו בשורש ד', הנה יש בו יחוד אחר שהוא צווי לתפלה. ולשון ספרי (דברים יא, יג): "ולעבדו זו תפלה". ואמרו גם כן "ולעבדו זו תלמוד". ובמשנתו של רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי, אמרו: "מנין לעיקר תפלה מצוה? מהכא, "את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד" (דברים ו יג)". ואמרו (מכילתא דברים, פ' ראה):*

איז וואס איז מען מתפלל בעת צרה? נארמאל איז אז מען שרייט צום אויבערשטן אז ער זאל אונז ראטעווען פון די צרה. אבער עס איז דא א חידוש אין **רמב"ם** אין **הלכות תעניות**[טז] ער זאגט דארטן אז מדרכי התשובה איז צו שרייען בעת צרה, און דאס איז גורם צו אראפנעמען די צרה. און פארוואס? ווייל די זאך מאכט אז א מענטש, ווען ער שרייט, 'פארשטייט ער' אז די צרה איז נישט געווען 'ממנהג העולם' אדער א 'מקרה'. וואס דאס איז א דרך אכזריות וואס מאכט עס זאל קומען חלילה ערגערע צרות על שונאיהם של ישראל. דאס מיינט "**והלכתם עמי בקרי**" וואס עס שטייט אויף דעם אין פרשת בחוקותי, אז עס קומט אויף 'בחמת קרי' [דהיינו אז מען מיינט אז עס איז א מקרה] ח"ו. **נאר מען זאל וויסן אז עס קומט צוליב אונזערע מעשים, און מען דארף זיך דא פארבעסערן.** דהיינו, אז השי"ת רעדט צו אונז מיט די צרה, און אז מ'איז מחויב צו מתפלל זיין, פארבינדן די מעשה צו השי"ת! חוץ פון די בקשה מען זאל גערעטעוועט ווערן, איז די תפילה אן מיטל צו אמונה, אז מען פארבינדט דעם גאנצן מאורע צו השי"ת.

א געוואלדיגע זאך! וואס דאס דארף זיין א חלק פון די תפילה, א חלק עיקרי: *"טאטע, לעב אויף אין מיר, אז עס איז נישט קיין מקרה! לעב אויף אין מיר, אז דו רעדסטו צו מיר דא! לעב אויף אין מיר, איך זאל האבן 'כח' צו תשובה טון, איך זאל 'וועלן' תשובה טון, עס זאל נישט נתעקם ווערן ליבי' חס ושלום וועגן די יראות נפולות, עס איז דאך אזא פחד, עמלק שטייט דא יעצט מיט א טיפע מלחמה, מיט אכזריות צו אפרייסן די גאנצע מעשה פון דיר, און מיר נאר מאכן נאך ערגער מיט דעם.* ***ראטעווע מיר!*** ***ראטעווע*** *מיר ברוחניות,* ***ראטעווע*** *מיר בגשמיות,* ***ראטעווע*** *מיר*

"עבדוהו בתורתו ועבדוהו במקדשו". רוצה לומר, הכוון אליו להתפלל שם, כמו שבאר שלמה עליו השלום (מלכים, פרק ח').

[טז] הלכות תעניות פרק א': הלכה א: מצות עשה מן התורה לזעוק ולהריע בחצוצרות על כל צרה שתבא על הצבור, שנאמר: על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות, כלומר: כל דבר שייצר לכם, כגון בצורת ודבר וארבה וכיוצא בהן זעקו עליהן והריעו. הלכה ב: ודבר זה מדרכי התשובה הוא, שבזמן שתבוא צרה ויזעקו עליה ויריעו ידעו הכל שבגלל מעשיהם הרעים הורע להן, ככתוב: עונותיכם הטו וגו' וזה הוא שיגרום להם להסיר הצרה מעליהם. הלכה ג: אבל אם לא יזעקו ולא יריעו אלא יאמרו: דבר זה ממנהג העולם אירע לנו וצרה זו נקרה נקרית הרי זו דרך אכזריות וגורמת להם להדבק במעשיהם הרעים, ותוסיף הצרה צרות אחרות. הוא שכתוב בתורה: והלכתם עמי בקרי והלכתי גם אני עמכם בחמת קרי. כלומר: כשאביא עליכם צרה כדי שתשובו, אם תאמרו שהוא קרי אוסיף לכם חמת אותו קרי.

*איך זאל נישט הערן קיין נייעס, איך זאל נישט הערן פון נישט קיין גוטע חברים, 'הצילני מחבר רע', איך זאל נישט אריינגיין אין שלעכטע דעות - ווי אזוי מ'קוקט אויף די מלחמה מיט טבע, נאר איך זאל נאכאנאנד זיך מחבר זיין צו דיר! עס זאל זיין א יראה עילאה דעילאה, א יראה מתוקה! א יראה פון* - וואס רבי נתן זאגט דארטן *- וואס משה רבינו האט ממתיק געווען ביי עמלק, מיט* ***ויהי ידיו אמונה****, - אויפגעהויבן די הענט צום אויבערשטן, און מחבר געווען נאכאנאנד די יראות פון דעם נחש פון די נחשים השרפים, צו השי"ת."* גאר שטארק בעטן דעם אויבערשטן אויף דעם, אזוי דארף זיין די תפילה.

און '**די**' תפילה איז א המתקה מיניה וביה, ווייל וואס פרעגט דער שואל? אז עס איז א סתירה, מצד אחד איז דאך עס גוט פאר מיר, מצד שני וויל השי"ת איך זאל פטור ווערן דערפון? השי"ת וויל עס זאל זיין גוט פאר דיר "פון די יראה", אז דו זאלסט אים בעטן, און דו זאלסט מכיר זיין ווער איז דער מיירא, וועט מען נישט דארפן צוקומען צו די יראה נפילה. עס איז פונקט ווי א קינד טוט אן עוולה און א טאטע גיט אים א פאטש כדי אים צו מעורר זיין אז ער זאל ווערן גוט, אדער א קינד טוט א מסוכנ'דיגע זאך און א טאטע גיט אים א פאטש אז ער זאל אפלאזן די מסוכנ'דיגע זאך. זאגט דער קינד: "איך ווייס דאך אז מיין טאטע האט מיר אזוי ליב, און א פאטש נישט סתם, איז וואס דארף איך בעטן דעם טאטן ער זאל מיר אויפהערן צו פאטשן? איך וועל האלטן ווייטער די זאך, וועט ער מיר קענען ווייטער פאטשן." עס איז דאך אזא שטות! דער טאטע וויל אז דו זאלסט אפלאזן די זאך, ער זאל דיר נישט דארפן פאטשן, ער זאל דיר קענען געבן גאר רואיג.

**שריי צו מיר, איך זאל דיר מקרב זיין, און איך זאל זיך מגלה זיין, זיין נאנט צו דיר, אז מען זאל נישט דארפן צוקומען צו 'יראות נפולות'.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין באמת צו א יראה טהורה פון דעם "אוצר של יראת שמים" פון דעם הייליגן ליכטיגן רבי'ן, מקור הדעת דקדושה, מקור החיבור דקדושה, מקור המתקת הדינים, מקור הגילוי פון די אהבה פון אייבערשטן צו אונז, וואס זאל ממתיק זיין אלע דינים פון כלל ישראל, און זאל ברענגען אלע שמחות און אלע ישועות בעזר השם, בשמחה ובטוב לבב.

# יתגבר כארי

**שאלה**: איך האב א וויכטיגע שאלה וואס איז מיר נוגע טאג טעגליך, ממש יעדן טאג. איך האב א מורא'דיגע פראבלעם אין די נושא פון אויפשטיין באצייטנס. יעדן טאג נעם איך זיך אונטער אז מארגן גיי איך אויפשטיין פארטאגס, אבער למעשה גיי איך אריין אין בעט גאר שפעט ליידער. וואס קען איך טון זיך צו ראטעווען פון דעם?

**תשובה**: איך שטעל זיך פאר אז די פשוט'ע אמת'ע גשמיות'דיגע תשובה, אז מ'דארף שלאפן געגנוג, און מ'דארף גיין שלאפן פרי – ווי די וועלט זאגט, "**עצל עד מתי תשכב**, ווען וועסטו שוין גיין שלאפן", ווייל דאס מאכט "**מתי תוקם משנתך**", שטעל איך זיך פאר אז דאס איז ווארשיינליך נישט די תשובה, ווייל מסתמא ווייסט ער דאס אז אויב מ'גייט שלאפן פרי שטייט מען אויף פרי, און לכאורה איז די קשיא אז כאטשיג ער גייט שלאפן פרי דאך קען ער נישט אויף שטיין.

און אויב איז די שאלה וויאזוי מ'גייט שלאפן פרי, איז דאס שוין א צווייטע שאלה, און אן אנדערע נושא. אבער מיר וועלן רעדן אויף דעם שאלה אז ער טרעפט זיך אויף שטיין שפעט כאטשיג ער וויל נישט.

## די ערשטע זאך תפילה

די ערשטע זאך ווייסן מיר דאך, א כלל ברזל, נישט נאכצולאזן פון די רצונות און כיסופין, און מתפלל זיין פאר'ן אייבערשטן, "**קוה וחוזר וקוה, וקוה, וחוזר וקוה**, בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם. און דער אייבערשטער מאכט ישועות, דער אייבערשטער מאכט גרויסע ישועות אין דעם, זאכן וואס זעהן שוין אויס לאחר יאוש. דער אייבערשטער העלפט אז מ'זאל אויפשטיין פרי, און מ'באקומט א

געוואלדיגע חיות אין דעם, און מ'האט כוחות צו דעם. מען דארף נאר אסאך תפילה אויף דעם.

## ווי מער קדושה, אמונה, שמחה, אלץ גרינגער איז אויפצושטיין

אבער איך וויל צולייגן נאך אפאר ווינקלען ווי אזוי צו טראכטן אויף די זאך. די הייליגע **ר' נתן זי"ע** ברענגט אין **הלכות נזיקין הלכה ג'**, ער רעדט ארום שטארק דארטן אויף די ענין פון אויפזיין שבועות ביינאכט, ער רעדט דארטן אז די התנוצצות פון שבועות, הייבט זיך שוין אן פון ל"ג בעומר, וואס רבי שמעון בר יוחאי ער איז געווען דער "עיר וקדיש", און בתוך דבריו זאגט ער דארטן אז דער ענין פון "התעוררות מהשינה" נעמט זיך פון "אור הפנים", און וויפיל מ'איז בקדושה, די אור הפנים שיינט, אזויפיל ווערט דער ענין פון התעוררות מהשינה.

איך וויל זיך אביסל צוזאמרעדן מיט דעם טייערן אינגערמאן, אזוי: אונז קוקן אן שלאף אלץ איינע פון די נאטורן פון א מענטש, ער שלאפט. אבער מיר ווייסן דאך, דער רבי זאגט אין **ספר המידות** אין **ערך שינה** חלק ב' אות א', **"מי שהוא מקודש יותר, רחוק מהשינה יותר"**, עס איז נישט סתם קיין זאך וואס איז א טעכנישע זאך, דער שלאפט אזוי, דער שלאפט אזוי. ס'האט מיט דעם איידלקייט פון דעם נפש. איך זאג עס נישט חלילה לרחק, צו זאגן אז ער איז נישט קדוש, נאר איך וויל זאגן אויף וואס מען דארף דא ארבעטן, א זאך וואס מ'דארף זיך גאר שטארק דערוועקן.

## וואס מיינט די אור הפנים שיינט

"אור הפנים" מיינט שמחה, אזוי שטייט אין **ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ג** [אות א'] אור הפנים מיינט, אז עס לעבט ביי א מענטש זיין קדושה, זיין קרבת השם, און דער רבי רופט עס אן דארטן שמחה. שמחה איז אור הפנים. דער רבי רעדט עס דארטן אויף תאוות ממון, אבער דאס איז א כלל, אז דאס איז אור הפנים, עס איז ליכטיג, עס איז פרייליך. דער רבי ברענגט דארטן ראיות פון פסוקים.

א מענטש וואס איז פרייליך איז וואכעדיג. א מענטש וואס איז טרויעריג איז נאנט צו שלאף. עצבות איז נאנט צו שלאף. און עס איז דא נאך א **ליקוטי הלכות**, די גרויסע באוואוסטע הלכה, די ערשטע הלכה אין **ליקוטי הלכות השכמת הבוקר הלכה א'**, רעדט ער דארטן אויף אזמרה, און ער איז מסביר אין **אות ב'** און ווייטער

אסאך אסאך אין די הלכה, **וזה בחינת התעוררות מהשינה**, אז שינה איז אחד משישים במיתה, און א מענטש וואס איז זיך מחיה מיט א נקודה טובה, ער איז זיך משמח, ער איז זיך מעורר צו עבודת השם, איז עס א בחינה פון זיך אויפוועקן פון שלאף. און ער זאגט דארטן קלאר, אז דער עיקר פון דעם איז צו שטארקן די שמחה קעגן די עצבות, דאס איז שוין א בחינה פון התעוררות מהשינה, אבער דאס איז אויך ביי א גשמיות'דיגע שלאף.

**ווען א מענטש איז פרייליך און ער האט אן אינטערעס, און זיין הארץ לעבט, איז ער וואכעדיג!** ווען איינער ווערט אומעטיג, גייט ער זייער גיך אריין אין בעט, עס איז דברים ידועים. און אמאל שלאפט ער איין אזוי אויף די גמרא - עס איז טאקע דא אמאל א טעכנישע סיבה ווייל ער איז געווען אסאך אויף - אבער די עצבות איז גאר אסאך מוסיף. 'עצבות' מיט 'עצלות' זענען שטארקע קרובים, זיי קומען פון זעלבן שורש, עס איז די זעלבע נשיכת הנחש. **עיקר נשיכת הנחש הוא עצלות ועצבות** (לקו"מ קפ"ט).

**"עצלות תפיל תרדמה"**, אזוי שטייט אין פסוק (משלי י"ט). ס'ווארפט ארויף א פארשלאפענקייט. א מענטש איז פויל, וואס הייסט ער איז פויל? ער איז פויל, עס איז גארנישט, די וועלט מיינט גארנישט, דער אויפשטיין מיינט גארנישט, דער פארדינען מיינט גארנישט! אמאל פילט מען אפילו נישט אז מ'איז אריינגעפאלן אין א עצלות און א עצבות.

## גלייב אין דיין עבודה

אבער מ'זאל זיך בוחן זיין טיף: צי האב איך א חשק, צו קאכט אין מיר צו אויפשטיין, צו וויל איך פארדינען, איך גיי אויפשטיין פאר א זאך? מיין לעבן קאכט אין מיר? אדער עס איז מיר פארשלאפן? צו גלייב איך אין מיין טאג, איך גלייב אין מיין שחרית, איך גלייב אין מיין מקוה, איך גלייב אין מיין יגיעת התפילה, איך גלייב אין מיין יגיעת התורה? אדער איך שטיי אויף, אזוי, ס'פארט א טאג נאך א טאג, א שעה נאך א שעה? דאס איז איינע פון די גאר שטארקע גורמים ביי א מענטש צי ער זאל זיין פריש אדער נאכגעלאזן, און צי עס זאל זיין אויף אים שינה.

**רבי נתן** ברענגט טאקע אין **נטילת ידים שחרית** הלכה ב' אות ו', ער רעדט דארט אויף די גאולת מצרים וואס איז געווען בחיפזון, זאגט ער אזוי דעם לשון: **"כי חיפזון זה בחינת זריזות שהוא מדה טובה מאד, בחינת אמונה, בחינת ביטול השינה שבא על**

**ידי עצלות, בחינת עצלות תפיל תרדמה"** וואס שטייט אין פסוק אין **משלי פרק י"ט, "וכמבואר במקום אחר בדברי רבינו אין תורה קנ"ה שזריזות הוא בחינת אמונה".**

**אמונה איז דאך ווי באקאנט די נשמה פון שמחה.** דער תם איז שטענדיג פרייליך געוועזן, ער האט נישט געהאט קיין חכמות און קיין כפירות. ער האט געגלייבט אין זיינע רווחים, ער האט געגלייבט אין א רווח, ער האט געגלייבט אז ער שטייט אויף פירט ער די גרעסטע געשעפטן אין די וועלט, און ממילא איז ער געווען שטענדיג פרייליך.

איך מיין אז דער יונגערמאן וועט זיך אמאל נאכקוקן, ווען ער האט אמאל געהאט א שטארקע וויכטיגע זאך, וואס ער האט געפילט אז עס איז וויכטיג פאר אים, אז ער וועט קוקן וועט ער זען אז עס איז אים געווען גרינגער אויפצושטיין – למשל ער גייט פארן צום רבי'ן, עס איז דא זאכן וואס באנעמען דעם מענטש, ער פארשטייט די וויכטיגקייט פון דעם, עס טאנצט זיך אויף, אין יום החופה איז געוועגליך גרינגער צו אויף שטיין ווי אין אנדערע סארט טעג.

די אמונה, וואס דאס מיינט די שמחה, ברענגט אריין זריזות, און זריזות איז פארקערט פון פויל. און אזמרה איז א סגולה אויפצושטיין פרי. ער זאגט אז ווען א מענטש שטייט אויף און ער זאגט מודה אני מיט א פארשלאפענקייט, "מודה אני לפניך שהחזרת בי נשמתי", טראכענענדיג וואס האב איך פון דעם שהחזרת בי נשמתי?

עס האט מיר געזאגט א איד יענע וואך, "מיין בעסטע שעות פון טאג איז מיין שלאפן". ער זאגט מיר "די שינה איז מיין גאולה" - דעמאלטס פילט ער נישט זיינע ביטערנישן, ער פילט נישט זיינע זאכן, ס'גייט אריבער, ס'פארט פון זיך אליין, ער ליגט אויסגעצויגן און עס פארט אליין. דא דארף ער זיך שלאגן און רייסן.

## דו פירסט א פארבריק פון רווחים!

עס איז א געפערליכע זאך. א איד! א איד שטייט אויף! מיר ווייסן אביסל וואס מיינט דאס שמחה פון שמחת היהדות, די כוחות וואס מ'שטייט אויף. און דער רבי זאגט, ס'העלפט אפילו זיך שניצן, אפילו מ'האלט נישט דערביי. זיך לייגן שלאפן, מארגן גייט זיין א טאג וואס איך דארף אזויפיל אריינכאפן! איך דארף טון תורה מיט

תפילה! מיט שמחה! מיט התגברות היצר! עס גייט קומען ניסיונות! עס איז א מורא'דיגע טאג. מארגן גייט זיין "**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו**".

ער שטייט אויף אינדערפרי, אראפלייגן א מודה אני, און זיך אויסשניצן. מודה אני לפניך, ברוך השם, **עס האט זיך אנגעהויבן די פאבריק פון פארדינען. ער גייט זיך וואשן נעגל וואסער! נטילת ידים שחרית, - פיר הלכות אין ליקוטי הלכות, וואס ס'טוט זיך אויף מיין נטילת ידים שחרית! און באלד גייט ער זיך מאכן גוף נקי! און ער גייט גיין אין מקוה! און ער גייט מיט תפילין! מיט ציצית! רבותי! דו האסט אנגעהויבן דעם טאג.** אז א טאג הייבט אן לעבן, ווערט פון זיך אליינס זריזות, עס ווערט א סיבה פארוואס צו אויפשטיין. דאס הייסט ער איז הייליגער, ער איז פארבינדן צו אמונה וואס דאס איז קדושה.

## זריזות גייט צוזאמען מיט שמחה

רבי נתן ברענגט אין **ליקוטי הלכות אבן העזר**, אין הלכות אישות הלכה ד', טייטשט ער דעם פסוק "**וירא וירץ לקראתם**". "**וירץ**", זאגט ער, **זה בחינת זריזות און שמחה**, "**כי זריזות הוא שמחה**". ברענגט ער א מורא'דיגע ראיה, שטייט אין חז"ל "**מצוה לרוץ לבית הכנסת, שנאמר 'שמחתי באומרים לי בית ה' נלך'**". ווי מען זעהט דא אין "**שמחתי**" אז **מצוה לרוץ?** נאר וואס דען זאגט ער, זעט מען אז "שמחתי" מאכט לרוץ.

ער זאגט דארט אזוי גאר געשמאק: "**כי מי שמסתכל על תכליתו באמת, בוודאי כשמגיע לילך לבית הכנסת או לדבר מצוה רץ בשמחה גדולה ובזריזות גדול, כי רק זהו חיותו ותקוותו לנצח, וחוץ מזה הכל הבל הבלים, כי לא ישאר כלום משום דבר, לא מעשירות ולא מצר עניות והדלות, ולא משום דבר תאוה וכבוד וקנאה ושנאה וקפידה, ולא ישאר רק מה שיחטוף בכל פעם איזה טוב לילך לבית הכנסת ולבית המדרש**". א מענטש דארף זאגן צו זיך, אלע שטותים אין דער וועלט איז גארנישט, יעצט גייט קומען די עיקר נקודה פון מיין טאג.

**ועל כן** זאגט ער, **בוודאי מחויב כל אחד לרוץ בזריזות ושמחה גדולה לדבר מצוה, וכל מה שיודע שרחוק יותר מהשי"ת הוא מחויב לשמוח יותר ויותר בעשיית המצוה, מחמת שהוא גם הוא שרחוק כל כך זוכה ג"כ לעשות מצוה.** דאס וואס ער דאווענט נישט ווי עס דארף צו זיין, מאכט נאך גרעסער די שמחה, ווייל אויב אזוי וואס טאקע וועט בלייבן פון מיר? נאר די ביסל וואס איך האב יא ארייגעכאפט.

דאס איז א זאך וואס דארף שטארק מעורר זיין אין די זאך פון דעם חיות. אזמרה איז התעוררות מהשינה, עצלות תפיל תרדמה. דאס דארף מען בוחן זיין וויפיל ביי מיר איז א גליק צו אויפשטיין אינדערפרי.

## אפשמועסן מיט א חבר

און פארשטייט זיך, מ'קען זיך מאכן אויף דעם, אז ער רעדט עס אפ מיט א חבר, ער זאגט די דיבורים פון שמחה. און אמאל באמת, איז די מח אזוי פארקלאפט ווען מ'שטייט אויף, ווי דער רבי זאגט אז מ'שטייט אויף אינדערפרי איז דער מח אין א געוואלדיגע צמצום, מ'דארף עס מרחיב זיין. רעד אפ מיט א חבר, "קלינג מיר ארייין, זאג מיר אפאר ווערטער פון חיות גלייך ביים אויפשטיין", טאנץ אראפ פון בעט! דו פירסט א מלוכה! **אין כל העולם כדאי לו!** יעדע רגע וואס דו ביסט זוכה, משונה'דיגע זאכן! טאנץ אראפ פון בעט! מי כמוך! ברענג אריין א חיות דקדושה אין דעם, דאס איז א סיבה אויפצושטיין פרי.